STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09269

# OYF MAYNE VEGN

Chaim Plotkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פלאָטקין

*

# אויף מיינע וועגן

חיים פלאַטקין

# אויף מיינע וועגן

פאַרלאַג י. ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ח — 1978

פאָרטרעט פונעם מחבר
און צייכענונגען —
נעמי (נאָאָמי) ק. פּלאָטקין

**Chaim Plotkin**
**OIF MAINE WEGN**
I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel
Printed in Israel 1978
©
נדפס בישראל, תשל״ח

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

Naomi 77

דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן

ש ל מ ה און ג אָ ל ד ע

ש אַ פ

## דאָס ניי־געבוירן קלייד

אויפֿן ברייטן לאַנגן טיש צעשפּרייט
ליגט אַ הימלשטיק געקאַרבטע זייד,
פֿון געקניפּטע ווערעם אין שפּינען געדרייט.
ס׳האָבן פּאַר געציילטע גראָשנס
קינדער אין יאַפּאַן
אין הימלבלאָען זייד
איינגעוועבט זייערע באַגינענס,
אין זיידגעוועב
מיט שוויים פֿון יונגע גלידער
איינגעזונגען אין שפּעטע נעכט
וועבער־לידער.

צושניידערס מעסער־שער
יאָגט איבער וואָרצלען־געדריי אויפֿן ווייסן פּאַפּיר.
ס׳לויפֿט די שניידמאַשין אויפֿן „מאַרקער־געדריי״,
שניידט פּאַס פּאַר פּאַלד לויט יעדן גליד.
יעדער מעסערשניט אויף ווייס פּאַפּיר מיט פּלאַסטן זייד —
אַ שטיק ניי־געבוירן קלייד.

איך און די מיידלעך
יאָגן זיך מיט נאָדלשטעך.
זיי ביי האַנט — איך מיט רעדלשטעפּ.
קאַרבירטע ווייסע ציין פֿון שוואַרצן „זינגער״־מויל
רייסן פּאַסן זייד פֿון מיינע הענט.
אַ שטאָך, אַ ניי — אַ וויש אויפֿן שטערן דעם שוויים.
אין יעדן שטיק פֿאַרנייטן קלייד
ציט זיך דורך מיט פֿעדעם
דער האַס.
ס׳איז ביים ערשטן שטאָך אין נייעם קלייד
פֿון באַס געקומען אַ באַפֿעל:

— העי, נישט געלאָפן, גוט גענייט, גוט!
דאָ נייט מען נישט פאַר ניגערטעם קיין קליידער...
זיץ איך געבויגן צום „זינגער"-קאָפּ.
גלאַנציקע נאָדל שפרינגט, נאָדל לאַכט אין פליישיקן זייד.
צייל איך שטאָך נאָך שטאָך,
ווי די מיידלעך אויף נאָדלען די קרעלן,
וואָס זיי נייען אַרום ביי די העלדזער פון די קליידער.

דעם פרעסערס אייזן גליט
אויף געקאַרבטן זייד מיט רויע נעט:
ס'זשומט דער אייזן פון געקראָפּטן דאַמף —
זייד האָט ליב פון שוויים אַ באָד.
ציט ער אוים דאָס קלייד אויפן פרעסטיש.
— ספּאַנדזשער, נישט געלאָפן! פרעס יעדן שטאָך!
דאָ נייט מען נישט פאַר ניגערטאָון קיין דרעסעס!
פירט ער דעם אייזן ווי אויף לייב אַ האַנט:
זזזייד! זזזייד!
ס'וועט היינט שוין זיין אַ קוואָדער פאַרן ווייב.

די איינפּיסיקע פיגור,
וואָס שטייט אָן אַ קאָפּ און אָן הענט,
האָט אַ מיידל מיטן נייעם קלייד באַקליידט.
מיט שפּילקעס, וואָס זי ציט פון מויל,
שטעכט זי אין געטאָקטן בוזים.
יעדער שפּילקע-שטאָך — אַ נייער פאַלד.
פאַלדעוועס זיך זיידטרעפּ אַרום האַלדז.

מאָרגן וועט דאָס נייע קלייד אַראָפּ פון דער פיגור
און וועט אַרויף אויף אַ דאַמע,
וואָס וועט אין וויגשטול ביים קאַמין
גלעטן אין איר שויס אַ הינטל
און דריקן זיין ריינע פעל צום בלאָען זייד.

1936

## שאַפּ

„ביזי־ביזי־ביזי־ביז־ז !"
אין אַזוינע טעג איז שאַפּ — אַ בליִענדיקער סאַד,
יעדע מאַשין — אַ פּרוכטבאַרער בוים.
שיינט אַריין אַ ברעקל זון,
וויגט עס זיך ווי כוואַליקער שוים.
געפּעדעמטע מאַשינען
פּוצן זיך ווי צווייגן ;
פון יעדער מאַשין־בוים
שיינען שפּולן פּאָדעם,
ווי באַזונטע, רייפע אַלקאָלירטע פייגן.

פּרי, באַגינען,
צעזינגען זיך מאַשינען
אין זשום פון בינען־כאָר.
רימענס אויף רעדער
אין ווילדן גערודער
יאָגן נאָך די מאָטאָרן.
עס וויגט זיך, צאַפּלט זיך דער שאַפּ.
פלאַנצט מען
נאָדלשטעך ווי מאָן.
מ'נייט — אַ פרייד
מ'זייט — מ'זייט.
פעדעם אין די פאַלדן,
פעדעם אין דעם סטאָן,
פעדעם אין דעם זוים —
פעדעם גרינע, בלאָע, רויטע.

אין רויש פון מאַשינען
ווערט מיין פערז געשמידט,
צייטיקט זיך מיין שניידערליד.

נאָדל טאַנצט,
נאָדל פליט
אַרויף, אַראָפּ,
און נישט גערוט.
שאַפּ אין אַ יאָג־געפּענט,
אַ געדריי פון הענט.
ס'איז אויף לייב דאָס העמד
אַ נאַסע פעל.
יעדעס מאָל אַ בליק געווענדט:
— העי, אָט איז נאָך אַ באַנדל!
שנעלער, שנעלער, שנעל!
ס'פעלן אויפן מארק נישט קיין „הענט"! —

הייסע שפּיזלען אין אויער אָט די רייד,
כאָטש היינט איז אין שאַפּ אַן אַרבעט־פרייד,
ווי אויף אַן אויפגעבליטער בייט.
מאַשין נאָך מאַשין
אין יאָג־געגלאַנץ:
— גייט אַ טאַנץ!
געבויגענע רוקנס טאַנצן מיט
אַ ביזי־טאַנץ.
מ'פלאַנצט
קנעפּלעך אין די קליידער —
יעדעס קנעפּל אין אַ סדר,
יעדעס אין אַ ריי.
ווי אַן אַרמיי,
גרייט —
ווער מיט מאַשין,
ווער מיט האַנט —
יאַגט, נייט!
האַלט דאָס גליק נישט לאַנג דאָך אָן —
— ס'איז סעזאָן —

יאָג,
יאָג אָן!

די „סטעפּ"-מאַשין
מיט איר בייזער שטים:
„דזין, דזין, דזין",
האָט אַ שכן היינט געקריגן —
די נייע „פּעל"-מאַשין,
מיט גאָר אַ נייעם לויף-געשפּרינג —
צום כאָר איז דאָ
אַ נייער זינג!
ס'בלאַנקט אין שאָפּ דער נייער „קאָפּ" —
נישט נאָדל פליט אַראָפּ,
נישט אַרויף —
נאָדל יאָגט אין אַ זייט
און קייטלט „בלינדע" שטעך,
ווי נאָדל
אין שניידער-מיידלס פינגער.
נאָדלרינג פון „פּעל"-מאַשין
שפּרינגט
און שלינגט מיט ווילדע ציין
פאַר צען
די אַרבעט איין.

ליגן אויפן טיש פלאַסטן זייד
און די ראָד-שער
שניידט, שניי-ד-ט.
רוישט דער שאָפּ
ווי ראָד אין וואַסערמיל,
רעדט מיט וואַלצן-קול,
וואָיעט אין געבריל,
נאָר דו,

ווי אַ הילצערנע פיגור —
ש־שאַ,
שטיל!

די פּרעסמאַשין,
די נייע —
אַ הונגעריקע חיה
מיט אַן אָפן מויל.
יעדער ברי פון דער פּרעסמאַשין
באַקט אָפּ אַ האַלב קלייד.
די ליפּן ברייטע דריקן צו,
בלייבן שטיל,
אין דאַמף פאַרוויט.
אַ מינוט —
דאָס מויל איז ווידער גרייט.
מאַשין,דערלאַנג אַ סך!
הערי, שנעלער! פּרעסעריונג!
שנעלער,
פלינק! —
ס'איז אַ מויל אַזא,
נאָר אָן אַ צונג.
ס'איז אַ מויל אַזא,
וואָס קייט און זינגט,
אַ גליד אַזא
פון רערן־בינד,
אַ רער צום בוילער־פּאַס,
אַ רער צום קעסלגאַז,
אַ רער, וואָס לעשט און צינדט.
גליט מאַשין ווי פייערזון
אויף פּרעסעריונג.
ריטשקעס שוויים פון לייב
באַדן זיינע טריט.

קנוילן דאַמף פון וואַסער־רער,
ווי פריסעק בריט.

אין שוואַרצן דראָטגעדריי
אויף סטעליע איבער פרעסטיש —
פינף לעמפלעך אין אַ ריי.
פיר פון זיי —
פאַרלאָשענע פיר אויגן
מיט שפינוועב באַצויגן.
ס׳איז ביזי די שפּין...
נאָר איין אייזן מיט אַ לעמפל גליט—
די איבעריקע — איבעריק.
און פאַר די פאַרלאָשענע פיר
פרעסט שוין די חיה,
די נייע,
די האָפמאַן־מאַשין.

פאַר נאַכט,
ביי מאַשינען ווי צעראָיעטע נעסטן,
זיצן מיר נאָך, אָפּערייטאָרס,
יאָגן זיך, האַנט איבער האַנט,
אין שנעלע פאַרמעסטן.
זייגער זייגט און צאַפּט די גליקן.
ווייזערס ווייזן פאַרשווּונדענע מינוטן.

אויפגענייטע קליידער,
פאַרבונדענע ווי סנאָפּעס.
איינגעבויגענע נאַקנס שטעכן ביים אויסגלייכן.
העמד קלעפּט זיך צום שווייסיקן לייב.
פינגער ציטערן פון אַריבעריאָגן שעהען.
— — — — — — — — — — — — — — —

צעשוווּמען זענען די אַרבעטסטעג.
שאָפּ איז ווידער אַן אָפּגעקאָסעט פעלד.
יעדע מאַשין — אַ נאַקעטער בוים.
שאָטנס פון פאַרגראַטעטער שויב
פאַרציִען איבער שאָפּ אַ שוואַרצן זוים.

פעברואַר 1932

## איך און די ניימאַשין

מאַשין — אַ פּראָסטע ניימאַשין:
רעדלעך, שרייפלעך, קאַלטער שטאָל.
נאָר צעיאָג איך זי מיט איר שפּראַך —
איז ווי אַ ווינט אויף גראָז אין טאָל.
אָפּט מאָל זע איך אין דער מאַשין אַ פערד,
איך — אַן איבערגעבויגענער רייטער —
כאָטש די מאַשין שטייט אויפן זעלבן פּלאַץ,
נאָר איך פאָר ווייטער...

שוין יאָרן ווי איך פאַרשטיי איר שפּראַך
און באַנעם איר זינג און לאַך,
הער איך שלאָגן געיאָגטע צייט:
פאַרצי שנעל דעם פאָדעם, גיב זייד!
גיב אויל אַ טראָפּן,
גיב, גיב, גיב!
גיב דאָס מויל, וואָס שלינגט — נייט.

פליט די נאָדל, טאַנצט דאָס „פיסל",
ס'גלעט דאָס „צינגל" פייכטן הוק:
נישט נאָר אויל, נאָר בלוט זאָל פליסן!
און דו אָפּערייטאָר,
זשום — און יאָג!

1936

## אויף פּראָבע

לייב סאָברינען — „מיין חבר מיטן קוטשעראַוון קאָפּ"

צוואַנציק,
דרייסיק —
טויטער ציפער —
נאָר וויפל פּראַצע ליגט אין דיר?
דרייסיק נייע קליידער
טאַנצן,
לאַכן אָפּ פון מיר.

שורות „זינגער"-קעפּ.
שורות אָפּערייטאָר-קעפּ.
שאָטן-הויקערס הוידען זיך אויף כמורנע ווענט —
אין טאַקט מיט שאָפּ-קאַפּעליע
דזשעז פון צעיאָגטע הענט.

ביי מיין רעכטער זייט —
מיין חבר מיטן קוטשעראַוון קאָפּ,
ווי אין געוועט — אַ רייטער —
וויל דעריאָגן מיין גאַלאָפּ.
ס'שטייט זיין ברויט אין קאָן...
אין שטערן צעקאַרבטן —
ריטשקעס שוויים,
און געמיט זיינס — בייז.

און „ער" —
מ'רופט אים: „ער" —
אויגן זיינע — שפּיצן פון אַ שער.
זיין טראָט איז האַרט,
זיכער-פעסט —
אַ ציגאַר אין מויל פאַרפּרעסט.

יעדן שטאָך, יעדעס שטיק,
וועגט זיין בליק און מעסט.

אַ ציגאַר אין מויל פאַרפּרעסט,
נאָר מ'פילט די שאַרפע ציין
שטעכן, גריזשען
ביזן ביין:
— דעם שטאָך, דאָ ציילט מען נישט דעם שטאָך!
מיסטער, נישט פאַרענדיקט נאָך די וואָך!

מאָנטיק,
דינסטיק,
מיטוואָך —
נאָך צוויי טעג פאַר פראָבע־וואָך!
— חבר, חבר,
נישט גענוג נאָך —
שיטערער דעם שטאָך! —
ס'קלוגע אויג צו מיר פארזשמורעט
און אַ בליק צו דער אָפּיס־טיר:
— וויפל וויל „ער״?
איז דען דאָ אַ שיעור?

צוואַנציק,
דרייסיק, —
טויטער ציפער —
נאָר וויפל פראַצע ליגט אין דיר!
דרייסיק נייע קליידער
טאַנצן,
לאַכן אָפּ פון מיר.

לאָס־אַנדזשעלעס, 1936

## אין קלעם

מיט טראָפּנס שווייס
שלעף איך אַריין שטיקער זון
אין פֿאַסן זייד:
זיך אַליין פֿאַרשטעפּ איך צו מאַשין
מיט טעג און יאָרן
טיף אין לייב.

יאָרן שוין אַזוי אין קלעם
צווישן נאָדל און שער
מיין לעבן
אין סעזאָנען איינגעטיילט.
כ׳בין ווי דער בער אין שטייג
און גיי אַרום ווי פֿון קלעפּ צעביילט.

ס׳ווילט זיך אַ מאָל אַ ברודיק שטיקדיל
פֿון שאַפּ אַרויסרייסן,
און פֿון דעם אויסקוועטשן דעם שווייס
פֿון פֿאַרלוירענע טעג,
מיט ציין און נעגל די פֿענטעס צערייסן.

מיין קאַמף און צאָרן — ס׳איינציקע פֿאַרמעג!

## נאָך אַ הייסן טאָג אַרבעט

ווען צעיאָגטע מאָטאָרן
כאָרכלען אוים איבערגעשניטענע אָטעמס —
קלינגט עכאָ אָפּ, ווי אין ליידיקע פּעסער:
שניידט די לופט אין שאָפּ פון צעוואַרעמטע רימענס,
ווי אַלטע פעלן אונטער שינדערם מעסער.

אויף פאַרגראַטעטע שויבן
קרישלען זיך ברעקלעך זון,
ווי אין קינדערשע פינגער אַ פּענעץ אַ צעריבענער.
גלייכן זיך רוקנס, רווישן רייד, איילן טריט,
בלייבט שאָפּ אַ געגעץ אַ פאַרגליווערטער.

אויף צעגליטע אַספאַלטן,
צו סאָבווייס אָפענע גריבער,
ווי אין צעהיצטער סמאָלע בלייבן צייכנס פון זוילן,
ציִען זיך שורות פאַרמאַטערטע, געבויגן,
ווי מיינערס נאָך אַ טאָג פון גראָבן קוילן.

# „סלעק״

שאַ,
שטיל.
אויף יעדן „קאָפּ״ —
אַן איבערגעדרייטע שטול.

אַן אויסגעקערטער דיל,
אַ נאַקעטער טיש:
די שער — אַ טויטער פיש.

דעם פּרעסערס אײַזן —
פון שאַפּ דאָס הייסע האַרץ —
פאַרשטאַרט,
מיט שטויב און זשאַווער-פלעקן,
אינעם פּרעסטיש אָנגעשפּאַרט.

ווי רעגן-טראָפּנס אויף אַ שויב
קלינגט דעם זייגערס
טיק און טיק.
קומען טעג פון „סלעק״ —
ווערן ווייזערס שטום און טויב,
אַן דעם טאַקט פון שאַפּ-מוזיק.

די פיגורן אין ווינקל,
ביי דער וואַנט,
ווי פאַרשעמט.
ס'דוכט זיך, זיי פרירן,
זיי בעטן
אַ העמד...

וואָכן,
חדשים —
ווער ציילט שוין די טעג?
איין העלפט פון מיין לעבן איז פּראַצע —
די צווייטע,
די שווערסטע —
איז „סלעק".

1937

## צו שפּאַניע

מיר דוכט, איך זע די גאַסן די מאַדרידער,
איך הער און פיל אַ יעדן שפּאַן.
און טיף אין מיר — אָ, ברידער, מיינע ברידער! —
איינגעקריצט איז „נאָ פּאַסאַראַן”!

גליט די פּען אין מיינע שניידערשע פינגער,
אין פונקען שמידן וואָלט איך יעדן אות.
שפּאַניע רעדט אין מיר דורך מיליאָנען צינגער,
וואָס הילכן העכער ווי דעם שונאס שאָס.

איז יעדער טאָג פאַר מיר אַ שלאַכטפעלד,
מיינע פיינט — די הירזשענדיקע צייטונג-קעפּ.
מיט אַ מאָדנעם גריזשענדיקן פיבער
גראָב איך יעדן נערוו אַריין אין ליגנעריש געוועב.

ווערט מיין ניימאַשין אויף פולעמיאַט פאַרביטן,
די אַרבעט ווערט אַ פייערדיק געשטעפּ.
אויף באַנדאַזשן וואָלט איך אַלע לייוונטן צעשניטן
און יעדן פאַשיסט — מיט מיין שער געקעפּט!

מיר דוכט, איך זע די גאַסן די מאַדרידער,
איך הער, איך פיל אַ יעדן שפּריץ פון בלוט,
און טיף אין מיר — אָ, ברידער, מיינע ברידער! —
איינגעקריצט בלייבט אייער העלדישקייט און מוט.

1937

# אין פּאַרק

די בלעטער קושן זיך מיטן ווינט ביים שיידן —
ווי פידלען הער איך וויינען די האַלב-נאַקעטע צווייגן.

די גראָזן טוליען זיך אויף שמאָלע לאַנען,
אין שאָטן פאָרוים מיין אומרו זע איך שפּאַנען.

אין דער הויכער בלויקייט, ווי צעקאַרבטער ים,
זעגט דעם הימל דורך אַן עראָפּלאַן.

מיין קאָפּ פאַררייסן צום אָדלער פון שטאָל,
ווי כ׳וואָלט געזען אים פליִען צום ערשטן מאָל.

איך בלייב שטיין, דער עראָפּלאַן — ווייט שוין אַוועק.
זיין רויש האָט געלאָזט מיך אין פּאַרק מיט שרעק.

איצט טראַכט איך פון „יונקערס״ ביי די טויערן מאַדרידער:
אינעם שאָרך פון די בלעטער הער איך גוססדיקע גלידער.

1937

# יאָסל קאָטלער

(געשריבן אין טאָג פון זיין לויה)

אַרום דיין אָרון
הער איך אַלע בלומענקראַנצן וויינען:
אויף אַ בלום גליט דאָרטן אויך מיין טרער.
ס'האָט דיין טויט כוואַליעס פרייד פאַרלאָשן —
דיין אָרט
פאַרנעמען ווער וועט,
ווער?!

אַרום דיין טויטן-וואָגן
האָבן פאָנען ווי זון געלויכטן,
כאָטש יעדער שטיין פון גאַס
האָט מיטגעוויינט.
שווער אין אַ שעה אַזאַ צו גלייבן,
אַז צום לעצטן מאָל
געזעגענען מיר זיך היינט — — —

סימנים אויף מיינע שיך
האָב איך פון דיין קבר צוריקגעבראַכט
און דיין „פאַרטיזאַנישע ליבע" געלייענט.
האָסט מיט דיין וואָרט כוואַליעס פרייד אונדז געבראַכט,
דעם טויט —
דורך מאַריאָנעטן אויסגעלאַכט.

16טן יוני 1935

## דער לעצטער שפּול פֿאָדעם

דעם שניידער
בעני סאָלאָמאָן —
אין ליכטיקן אָנדענק

„מיין לעצטן שפּול פֿאָדעם האָב איך שוין אויסגענייט״ —
האָט בעני קוים-קוים אַרויסגערעדט
צו אַ חבר אין שפּיטאָל,
וואָס איז געשטאַנען ביי זיין טויטנבעט.

זיין בליק האָט די שפּיטאָל-ווייטקייט אַרומגענומען,
ווי אַ באַקאַנט קול ער וואָלט געפּרוּווט דערהערן:
וואָס רוישן אַזוי שטאַרק די ניימאַשינען?
וואָס ווילן פֿון אים די אָפֿענע שערן?

אויף די באַקליידטע פֿיגורן וואַקסן אוים קעפּ —
קעפּ מיט טיגערישע אויגן.
זיי טאַנצן מיט אין פֿייערדיקן געשטעפּ
ביי מאַשינען — אויף די רוקנס געבויגן.

צווישן ליפּן פֿאַרפֿרעסטע שטעקט אַ ציגאַר.
אויגן — צוויי שפּיזן — צו אים געווענדט.
ער פֿילט: יעדע מינוט קאָן קומען די געפֿאַר —
מוז מען ווי אַ וויכער צעיאָגן די הענט.

ער יאָגט די מאַשין ווי אַ רייטער אין גאַלאָפּ,
וואָס טאָר אויף אַ רגע נישט בלייבן שטיין.
פֿון בענקל הייבט ער זיך שנעל קאָלערן אַראָפּ
ווי פֿון אַ הויכן באַרג — אַ שטיין.

פֿונקען שפּריצן פֿון די אייזנס ביים פּרעסברעט,
אונטער פּרעסערס אייזן אַ קלייד ברענט — — —

פון אַלע בעטלעך ווערט איין בעט
און ס'פֿאַלן און קראַכן די שפּיטאָל־ווענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביי דיין קבר בין איך נישט געשטאַנען דעם קאָפּ געבויגן,
כ'האָב נאָר לאַנג געקוקט אויפֿן בערגל זאַמד.
מיר האָט זיך געדוכט: איך זע דיינע מידע אויגן
און דריק דיין דאַרע שניידערישע האַנט.

11טן נאָוועמבער 1939

# אַ נייער מאָדעל

פון האַרץ מיינע פּשוטע רייד
פֿאַרזיי איך צווישן מאַשינען.
אין די פֿאַלדן פון יעדן קלייד
מיינע נישט-געשריבענע לידער אַנטרינען.

היינט האָב איך אַ נייעם מאָדעל אויפגעגנייט,
מיט אַ פֿאַלע — אַ טיר אָן אַ קנעפּל.
די דאַמע אינעם נייעם פֿאַסאָן געקליידט
וועט נישט דאַרפן פֿאַרזוכן פונעם עפּל...

##ביים שרייבטיש

ווען כ׳נעם זיך איצט ווידער צום שרייבן,
בין איך, ווי אַ בלעטל אין שטורעם.
אויב אַ שורה פון אַ ליד וועט בלייבן —
בענטש איך די שווערסטע יסורים.

די מינוטן פונעם זייגער זענען שעהען,
די שעה אַנטלויפט, ווי אַ מינוט.
דער בויגן נעמט פרירן און גליִען —
ביים שרייבן — אין די אָדערן ס׳בלוט.

וואָס כ׳וויל וועט מיין פען שוין נישט גרייכן.
די שעפער זענען מיינע אוניווערסיטעטן.
דערזען וועט איר מער ווי איין צייכן,
ווען כ׳וועל זיי צום שרייבטיש פאַרבעטן.

מאַי 1976

* * *

מיינע לידער נישט דערשריבענע,
ניגונים נישט דערהערטע —
יתומים געבליבענע —
אין שעפער די ווערטער,

וואַרטן און טרויערן
דורך נעכט ביי מאַשינען.
זיי ווילן דויערן,
אַ תיקון געפינען. — —

יאַנואַר 1977

# מלחמה

## צו דיר

פרענסיסן

אין גיכן מוזן מיר זיך שיידן,
ס'איז געקומען שוין מיין ריי.
אין שענסטן זאָלסט דעם טאָג זיך קליידן —
כ'גיי דינען אַנקל סעמס אַרמיי!

זאָלסט קומען אָן בלומען, אָן קוויטן —
אַ קוש בלויז אַ לעצטער, נישט מער.
איך וויל, אַז אין וועג זאָל מיך באַגלייטן
דיינס אַ שמייכל און נישט קיין טרער.

אַ זעלנער בין איך שוין פון יאָרן —
אַ זעלנער אָן אַ ביקס אין דער האַנט:
כ'האָב געזען דעם וועג דעם קלאָרן
צו פאַרהיטן פון נאַצישער שאַנד.

געזען האָב איך ווידער שוין היינט
אין חלום דאָס וואַרשעווער געטאָ,
ווי איך וואָלט געטראָגן אין פיין
אויף מיין גוף די געלע לאַטע.

מיין שוועסטער האָב איך קוים דערקענט
אין וויסטן און פינצטערן חורבן.
געהאַלטן האָט זי אויף די הענט
איר קינד, וואָס איז נאָר וואָס געשטאָרבן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דיין פראַגע די לעצטע ביים שיידן:
— ווען וועלן מיר ווידער זיך זען?
— מען וועט נאָך דערציילן אין פריידן
דאָס אַלץ, וואָס אַ מאָל איז געווען.

און אויב כ׳וועל נישט קומען צוריק —
זאָלסט, טייערע, נאָך מיר נישט קלאָגן.
אין טאָג אין דעם גרויסן פון זיג
מיין האַרץ וועט לעבעדיק שלאָגן!

יולי 1943

## „בעיסיק טרעינינג"

### 1. אין וואַלד

געקומען זענען מיר, ווי אויף פּאַנצערשיפן,
און באַרג און טאָל צעמאָסטן און צעשניטן,
און איצט קאָן יעדער בוים דאָ עדות זאָגן,
אַז דאָס פּנים פון וואַלד האָבן מיר געביטן.

יעדער טראָק איז ברייט און לאַנג —
אויף רעדער זעקס אַ מויער.
ווו מ'דאַרף, קומט דער טאַנק
און צעפּראַלט אין וואַלד אַ טויער.

און ווער ס'שטייט דעם טאַנק אין וועג,
עקשנותדיק פאַרביסן,
קומען מיר מיט בלאַנקע העק
דעם בוים מיט שאַרף באַגריסן.

ס'גיט דער טאַנק אַ שפּרונג צוריק,
ווי אַ יעגער אַ געניטער,
און שנעלער פון אַן אויגנבליק
דער וואַלד גיט אַ ציטער.

די לופט איז פול מיט הייסן אָטעם
פון טאַנקען, טראָקס און קאַנאָנען.
דאָ איבט מען איין דעם קוילן-ריטעם
פאַר טעג, וואָס וועלן קומען.

און מיר סאָלדאַטן רעפּעטירן
געשיכטע — אונדזער צושטייער:
ביי יענעם ברעג, וווּ מען וועט אונדז פירן,
דעם שונא פאַרמעקן מיט פייער!

## 2. אַ בּיקס אין האַנט

צו מינוט און רגע גיט דער קעמפּ אַ ציטער,
„גוט-מאָרגן" — רעדט מיט זאַלפּ דער קאַנאָן.
צום קופּאָל פון מאַסט שפּאַנט אין פלאַטער
אונדזער שטערנדיקע פאָן!

אויפן הימל מיניען נאָך שטערן,
כ׳פּרוּוו זיי ציילן מיט אַ שנעלן בליק.
מיר דוכט, אויך זיי סאַלוטירן
„צום טאָג דעם גרויסן פון זיג".

די וואָלקנס שאַרן זיך ווי טאַנקען
צווישן בערג און טאָלן אין שלאַכט.
ביז מאָרגן געווים וועט זיך בענקען
נאָך דער שיינקייט פון אַ שטאַרבנדיקער נאַכט.

✶

די באַראַקן שטייען ווי שיפן,
וואָס זענען בשלום אַריבער דעם ים.
דעם ביוגלערס קול אין וואַלד דעם טיפן
קלינגט איצט אָפּ אין אונדזער שפּאַן:

— האַט!
— האַט!
— היפּ!
— פאָור![1]
אין מאַרשן-טריט
אַ ריטמיש ליד
פון „רוקים"[2]-כאָר:
— האַט!

— האַט!
— היפּ!
— פאָור!

פאָרווים — דער לייטענאַנט,
ווי יעדער אין „פלאַטון",[3]
מיט וויגנדיקע הענט.
זיין באַפעל —
זיכער, פעסט:
— זעלנער!
נישט פאַרגעסט
ווער ס'האָט קריג דערקלערט
אונדזער לאַנד.
מאָרגן
וועט איר לערנען
ווי מ'האַלט
אַ ביקס אין האַנט!

מאָרגן,
מאָרגן...
כ'וואַרט שוין אויף דער שעה.
ס'איז פאַר מיר מוזיק
די רייד פון לייטענאַנט:
מאָרגן
וועל איך האַלטן
אַ ביקס אין האַנט!

1943

1 איינס, צוויי, דריי, פיר.
2 „רוקיס" — די „גרינע" זעלנער.
3 „פלאַטון" — אַ צענדליק זעלנער.

### 3. פאַר טאָג

אַ רוף, אַ פּייף, צעשניידט דעם שלאָף דעם זאַטן:
— זעלנער, שנעל ווערט גרייט!
וואַכן-אויף פּערציק בעטן
און דער באַראַק ווערט מיט ליכט באַקליידט.

די שיך, דעם פּעטיג[1] פלינק אַרויפגעצויגן,
ווי איינער מיטן צווייטן אין פאַרמעסט-געוועט.
דעם לעצטן טראָפּן שלאָף מ'וואַשט פון די אויגן
און מ'שענקט דעם בעטל נאָך אַ גלעט.

פּערציק פּאָר הענט — רודערס און פליגלען,
ווי דער קעמפּ דער גאַנצער וואָלט געברענט!
דער דיל ווי די שויבן נעמט גלאַנצן און שפּיגלען —
קיין ווינקעלע זאָל נישט ווערן פאַרשעמט.

*

אַ רוף, אַ פּייף:
— קיין מינוט פאַרפעלט!
ווי סטרונעס — פיר אין אַ ריי —
מיר שטייען שוין אויסגעשטעלט.

איינס, צוויי —
דער דריטער בין איך.
שנעל, גיך —
אַ וויג דעם קאָפּ מיטן „דריי"
צו מיין לינקער זייט:
ס'גיט אַזש אַ ברי די ערד.
דאָס ציילן מוז זיין שאַרף —
אַ פּאָך מיט אַ שווערד!

איינס, צוויי —
ס'שטייען רוקים גרייט,
פיר אין אַ ריי:
דאָ ווערט געבוירן
מיין אַרמיי!

*

אַ קיל ווינטל קומט פון וואַלד,
ווו מיין שנעלער בליק איז געווענדט:
די לבנה, זע איך, דאָרט צעפּאַלט,
כאַטש נעם און שטרעק אויס דיינע הענט!

דער הימל קייקלט זיך אין העמד פון באַגין
און יאָגט די לעצטע שטערן שלאָפן.
ביים וואַלד צערינט דער מעשענער קלין —
מיטן זוים פון באַרג די לבנה האָט זיך געטראָפן.

דאָס פעלד איז צעפּערלט מיט טויִקער פּראַכט,
די ערשטע שטראַלן וועלן די טויפּערל טרינקען.
פון מעס-האָל[2] די קוימענס האָבן שוין לאַנג זיך צעלאַכט
אַ געלעכטער צום הימל אַזש מיט פונקען!

די ביימער גריסן אונדז מיט נאַסע קעפּ.
די גראָזן קושן מיינע גרויסע שיך די נייע.
מיט יעדן טראָט ווערט ליכטיקער דער וועג.
— מיר שפּאַנען צו היטלערס לוויה!...

1943

1 פעטיג — דעם זעלנערס אַרבעטס־קליידער.
2 מעס־האָל — די קיך ווו די זעלנער עסן.

## 4. פייכטע בלעטער

גאָלדענע פעדעם פּלאָנטערן זיך צווישן די ביימער
און ווערן צערונען ביי מיין מאַסקירטן טענט.
אַרום מיר — די נאַקעטע געקאַרבטע שטיינער
פרירן, דוכט זיך, זיי בעטן זיך אויך צווישן ווענט.

די זון שפּרייט זיך אויס אַ געלעגער צווישן צווייגן.
איז אויך דער זון איצט, ווי מיר, אַזוי קאַלט?
איך געזעגן זיך מיט איר אין אַ פּאַרטיפטן שווייגן,
ווי שווייגן מען קאָן בלויז אין דער טיפקייט פון וואַלד.

פייכטע בלעטער אויף דער הוילער ערד
ווערן זיין היינט מיין זעלנעריש געלעגער.
דער ווינט גיט אַ שניט, ווי די שאַרף פון אַ שווערד
און שינדט די הויט פון די אַלטע ביימער.

*

רעגן!
רעגן!
רעגן!
איז נישטאָ קיין שיעור וויפל דער וואַלד קאָן טרינקען?
זענען נאָך נישט פול די גריבער אַרום די וועגן
מיט די בלאָטעס טיפע, אַזש צום זינקען?
ביי די ביימער מיט צעווייקטע צווייגן
ווילט זיך אָפּשטעלן, פרעגן.
נאָר אפשר איז בעסער צו שווייגן
ווען דער ווינט רוישט ווי מיט שאַרפע זעגן.

רעגן!
רעגן!
רעגן!

האָבן די באַזוקעס צעבראָכן אין הימל די קראַנעס?
האָבן די וואָלקנס אויסגעטרונקען די טייכן און ימען?
ווי דער רעגן,
וועל איך נישט מיד ווערן
און פרעגן,
פרעגן דעם ווינט אין זיין אייגענער שפּראַך:
— אפשר קאָן מען צונויפרופן דאָ די שטערן,
און דער וואַלד וועט האָבן אַ דאַך?

1943

## 5. לאַטעס

אין שענסטן בין איך היינט געקליידט!
ס׳פעלן מיר ווערטער
אויסצודריקן מיין פרייד —
ווען איך האָב
אויף מיין נישט צעריסענעם פעטיג
לאַטעס[1] אַרויפגענייט.
ווי באַנדאַזשן
האָב איך זיי געגלעט
און ווי אין וווּנדן —
מיט הייסן אָטעם גערעדט:
— פאַר אונדזערע ביקסן
זיין זאָלט איר — לאַטעס —
דאָס ווייכסטע בעט.
אין באַראַק לויכט איר איצט
מיט אַלערליי קאָלירן.
פאַר דער געלער לאַטע
דעם חשבון דעם גרויסן
זאָלט איר העלפן מיר פירן!

פלי, נאָדעלע, פלי!
טאַנץ-אויס די שטעך
פון מיינע צאַפלדיקע פינגער.
ווייל נישט מיט פעדעם
ניי איך די לאַטעס,
נאָר מיט טעלעפאָן-דראָטן,
און יעדער וועט הערן
און שווערן
— דעם האַס אויפצוּוועקן —
דעם פיינט צו פאַרמעקן!

*

צו מײַן בעטל
געלאָפֿן איז מען
ווי אויף אַ בייז ווונדער:
— הערי, פּינטאַ, קאַרנער!
קוקט
ווי אונדזער באָדי[2]
פֿידלט מיט די פֿינגער!
די „פּעטשעס"[3] פֿליִען אין זײַנע הענט.
יעדן גרייט איז ער באַפּוצן
אָן אַ סענט.

אַ שאָד, וואָס נישט אַלע דאָ
פֿאַרשטייען מײַן אַרבעטספֿרייד,
דעם זין פֿון אָט די לאַטעס;
מיליאָנען
וואָלט איך דאָ פֿרײַ באַקליידט!

— יאָ, מעריום.
די נאָדל איז מײַן פֿאַך.
נאָר איצט
איז די ביקס
מײַן שפּראַך! —

אַ ווײַלע געוואָרן איז שטיל.
אַ פֿינצטערער וואָלקן
דעם באַראַק האָט פֿאַרצויגן.
צו די לאַטעס אין מײַנע הענט
אַלע אויגן זענען געווענדט.

*

מיט מיין ביקס
בין איך היינט
געלעגן אויסגעצויגן
אין ברייטן פעלד
און מיין אויג
האָט דאָס שוואַרצע האַרץ פון צילברעט
נישט פאַרפעלט.
נישט די לעצטע פאַסן זון,
וואָלקן נאָך וואָלקן צעקעמט,
נאָר דאָס זענען די פלאַמען
פון דערפער און שטעט,
וואָס דער שׂונא פאַרברענט.
מיטן הייסן אָטעם
ביי דער קאַלטער ביקס
און מיט דער לעצטער קויל
דעם „באָלט"-שלאָס פאַרמאַכט:
— אויב וועמען פון אונדז
איז פאַלן באַשערט,
זאָל דאָס זיין
דעם שׂונאס לעצטע שלאַכט!...

1943

1 לאַטעס — יעדער זעלנער אין די ערשטע וואָכן איבונגען מוז זיך אָננייען לאַטעס אויף די קני, עלנבויגנס און אויף דער ברוסט.
2 „באָדי" — פריינד, חבר.
3 „פעטשעס" — לאַטעס.

## ס׳לוינט נישט

דער קוימען זאָגט: „אַ גוטע נאַכט״,<br>
ווי די שיף וואָלט געוווּסט מיין נאָמען.<br>
ביים ברעג יעדע כוואַליע לאַכט:<br>
„די שיף וועט ווייט נישט פאַרשווימען״.

נישט אומזיסט האָט מיך געשראָקן די נאַכט,<br>
ווי דער הימל וואָלט אין אַ זאַק געלעגן.<br>
אויף אַ שיף, וואָס מ׳שיקט אין שלאַכט,<br>
קיין קשיות לוינט נישט צו פרעגן.

1943, ביים ענגלישן קאַנאַל

## אויב...

אויב די שעה, חלילה, וועט קומען,
מיין האַס צום דייטש וועט זיך קילן —
זיין וועל איך אַ וואָרעם אין מיסט,
מיין אָטעמען זיין וועט אומזיסט.
פאַר מיין געביין זאָל נישט שענקען די ערד
די זעקס איילן, וואָס זענען באַשערט.

אויב אַ רגע פון שוואַכקייט וועט קומען
און פאַרגינען דעם דייטש כ׳וועל די זון,
זאָל דאָס ליכט פון מיינע אויגן
ווערן פאַרלאָשן
און מיין צונג —
אין שטומקייט פאַרשלאָסן!

נאָרמאַנדיע, 1944

## אויף יאַגד

1

דעם קאַפּיטאַן,
מיין קאָמפּאַני־קאָמאַנדיר,
האָב איך סאַלוטירט:
— יעס'ער!
איך וואָלונטיר!
דערלויב,
דערלויב מיר —
איך בין אַ ייִד! —
ער האָט געשוויגן,
געמאָסטן דעם אָרום
מיט אַ שאַרפן בליק:
— געדענק,
פאַרגעס נישט מיין באַפעל:
קום אַ גאַנצער צוריק!

2

פונעם עפּלבוים,
אַ שפּאַן פון מיין „פאַקס־האָל"[1],
האָב איך אָפּגעבראָכן אַ צווייג,
צו דער פּלייצע
אים צוגעבונדן.
אַ קאַמופלאַזשטער
שאַר איך זיך אויפן בויך
אַהין
וווּ דער סנייפּער
ביים וועלדל ליגט באַהאַלטן.
כ'האָב דעם אָטעם פאַרהאַלטן,

---

1 „פאָקס־האָל" — שוצגרוב.

אין שטומקייט געשווירן:
אויב מיינע קוילן וועלן נישט סטייען —
זיין האַרץ כ׳וועל צערייסן
מיטן באַיאָנעט.

3

די טויגראָזן
לעשן מיין צעהיצט פּנים
און פּלוצלונג —
מיין שרעק איז אַנטרונען!
פון קבר־בעט
כ׳הער מיין מאַמעס קול,
אירע צאַפּלדיקע הענט
האָבן מיך אַרומגענומען.
פון אַלע געדענקיאָרן
ווערט אַ רגע בלויז.
כ׳זע קלאָר איר געזיכט.
זי צינדט אָן די שבת־ליכט.
שאַרפער ווערט מיין בליק.
כ׳וויל דער מאַמען עפּעס זאָגן
און ווער ווי אויף פליגל געטראָגן,
און איידער זי איז נאָך פאַרשוווּנדן —
בין איך שוין ביים בערגל,
וואָס מיין האַנטגראַנאַט
האָט אָנגעצונדן.

נאָרמאַנדיע, 1944

## אין „פאַקס־האַל״

פינצטער. נאַכט.
דער מלאך־המוות
האָט ברייט און טיף
דעם פיסק אויפגעמאַכט —
ס׳גייט אַ שלאַכט.

אין „פאַקס־האַל״
טאָני און איך.
דער קבר איז פלאַך —
נישטאָ קיין פלאַץ פאַר די גרויסע שיך.
— גיך, טאָני, גיך!
עראָפּלאַנען זעגן
דעם הימלס דאַך!
איז מיט די נעגל געריסן דאָס גראָז,
די ביימער־וואָרצלען,
די נאָרמאַנדיע־ערד.
אויף גלאָז
געשאַרפט די פינגער
פון מיינע צעפליגלטע הענט.
מיר טוליען זיך צו די ווענט,
ווו פון יעדן קראַך
דער דיל דער פייכטער אָטעמט, יערט.

— פון העלם דער שטאָלענער קאַנט —
אין מיין נאַקן אַ שווערד.
דאָס פּרוּוון מיר פאַרהיטן די קעפּ.
וועלן די גראָזן די הויכע
באַשיצן אונדזערע פּיס?
פאַר וואָס איז דאָס לעבן
איצט

אַזוי ביטער און זיס,
אַז גרייט ביסטו מיט די ציין
זיך לאָזן אין פאַרמעסט,
גראָבן, פאַרטיפן די נעסט,
טיפער
ווי ס'וואָרצלט דער בוים?

*

אַ קויל יאָגט שנעל,
נאָר פלינקער איז דער געדאַנק.
פול איז מיין האַרץ,
נאָר נישט מיט שרעק.
אין מוח — צעבונדענע פעק
פון טייערסטן באַגאַזש:
פון מיין זעלנערישן העמד
בין איך גרייט וויקלען אַ באַנדאַזש
פון נאָרמאַנדיע
ביז אַלע געטאָ-ווענט!

מיט טאָנין וועגן דעם גערעדט.
דעם גורל פון מיין שטאָם
געפּרוּווט מיט אים טיילן —
די טיפסטע ווונד אין מיר,
ווי מיין הויט וואָלט געפּלאַצט
און פּאַסן בייזן זיך שיילן.

איצט טוליעט זיך טאָני צו מיר.
ער פרעגט,
פרעגט אָן אַ שיעור.
כ'בין זיכער —
ער וויל פאַריאָגן די שרעק.
נאָר איך

בין פון „פּאַקס-האָל"
טויזנטער מיילן אַוועק:
חברים, שוועסטער, ברידער.
מיין פרוי ווילט זיך רופן ביים נאָמען...
דאָס שטעטעלע וואַקסט אויס פאַר מיינע אויגן.
אַ באָרוועסער אין פעלד ליג איך אויסגעצויגן.
דעם הימל האָט געצונדן אַ רעגן-בויגן,
ווי מיט אַ שער די וואָלקנס צעשניטן.
אויף וויפל וואָלקנס בין איך אין שטעטעלע געריטן?
פאַר וואָס איצט אין דעם זיך דערמאָנען?
אָט איז די כאַטע, ווו מיין וויגל איז געשטאַנען...
און נאָך ליבער ווערט מיר ס'בערגעלע ערד,
ווו מיר האָבן באַהאַלטן די מאַמען.

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'ווערט שטיל.
פאַר טאָג.
דער אַרום —
צעריסן און שטום.

אויב גאָט האָט באַשאַפן
הימל און ערד, און זיך,
מיט זיינע אייגענע הענט —
וואָלט ער איצט
זיין אייגן פּנים נישט דערקענט.

נאָרמאַנדיע, 1944

## שלאַנגיש

גאָט האָט פאַרשאָלטן די שלאַנג —
און איך בין אויפן בויך געקראָכן,
קוים-קוים זיך דערשלעפּט צו דעם טאַנק
ווען די ערד מיטן טויט האָט געבראָכן.

מיטן מויל פול מיט אויליקן זאַמד
האָב איך שוין געוואָלט ווידוי זאָגן,
נאָר דאַן האָט דער שטאָלענער גיגאַנט
פון שלאַכטפעלד מיך אַראָפּגעטראָגן.

1943

# ביים קבר פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט

דער ברייטער טויער־אַרק — צוויי לוחות,
פאַרפּעסטיקט מיט אַ באַמאָלטן קאַרניז.
דאָ לייענען טוריסטן נאַפּאָלעאָנס יחוס,
וואָס אָטעמט מיט געשיכטע און פּאַריז.

פון גענעראַלן, קעניגן און סולטאַנען
דאָ וועלקן זייערע קראַנצן און פאָנען.
„אין פּאַריז איז אַ קבר פאַראַנען
און קיינער ווייסט נישט דעם זעלנערס נאָמען".

ווער זאָגט, אַז דיין נאָמען איז אומבאַקאַנט?
נישט מאַמעס האָבן דאָס פאַרטראַכט.
ביסט דער זעלנער פון יעדערנס לאַנד,
וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון שלאַכט.

און וועלכעם לאַנד איז מיט שלאַכטן נישט זאַט?
און ווען איז אָן בלוט געקומען אַ זיג?
וועט זיין אויך אָן „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט"
דער זון, וואָס די מאַמע וויגט איצט אין וויג?

פּאַריז, 1944

# חשבון

## נישט אַלץ

דער, וואָס פון זיך אַנטלויפט,
ווייסט נישט, אַז די וועלט איז אַ שפּאַן.
מען קאָן נישט פאַרהיטן די הויט,
ווען ס׳העמד אויפן לייב איז אין פלאַם.

און דאָס וואָרט, וואָס בריט אויף דער צונג,
נישט תּמיד קאָן מען עס זאָגן.
אָפט איז עס געוואָרן אַ פונק,
וואָס האָט צום הימל אַ וואַלד פאַרטראָגן.

## אומרו

די טיפקייט פון ים איז נישט טיפער פון גרונט,
טיפער גרינטן קאָן אַ שטילע טרער.
יעדע רגע פון דער שעה אַ חשבון מאָנט
און ס'העמד אויפן לייב — שווערער ווי שווער.

אַ תּפיסה קאָן ווערן דאָס אייגן הויז —
איך קאָן וועגן דעם עפּעס זאָגן...
די ווייזערס זאָגן קיין סודות נישט אויס
פונעם אומרו, וואָס האַלט נאָך אין נאָגן.

## מיין גרוס

נישט יעדער וועט מיר גלייבן,
און געוויס — נישט פאַרשטיין:
אַ מענטש מיט טויזנט אויגן
זעט אויך נישט זיך אַליין.

אַ שטיקל גלאָז פאַרהויכט מיט גאָלד
קריגט אַ נאָמען: שפּיגל.
מיין גרוס צו יעדן יאָלד,
וואָס לויפט זיך קויפן פליגל...

## צו שפּעט

די זון האָט היינט נישט געוואָלט פאַרגיין,
האָט צעבלוטיקט דעם האָריזאָנט.
שטיקער וואָלקנס, ווי צעריסן געביין —
גאָטס האַנט אַ חשבון מאַנט.

די זון האָט דעם דייטש נישט פאַרברענט
ווען ר׳האָט אין טרעבלינקע די אויוונס געבויט.
צו שפּעט האָט גאָט זיך דערקענט
אויפן דייטש און זיין מיליאָניקן טויט.

## אויף מיין שויב

אויף מיין שויב האָבן גערוט שאַגאַלישע פאַרבן,
כ׳האָב זיי צאַפּלדיק געהיט און פאַרלוירן...
איז דער זונפאַרגאַנג אַ באַפעל צום שטאַרבן
און אויפגאַנג — אַ באַפעל צום געבוירן?

דער מענטש ווערט געבוירן אין בלוט,
די זון בלוטיקט אויך — ביים פאַרגיין.
היינט איז דער יאָרצייט פון אַ יאַפּאַנישער שטאָט,
פון וואַנען גאָט קומט אויף קוליעס צו גיין...

אויגוסט 1955

## ווּ איז גאָט?

מיין ליבשאַפט ווייסט נישט פון קיין צאַמען.
אַ זאַמדעלע
אין בלוט
גליט הייסער פון אַלע זונען.
אַ טראָפּן פון ים־המלח
איז מיר אויך האָניק־זים.
דער ניגון
פון די ירושלימער בערג
קאָן דערזאַטן
אַלע אָרקעסטערס.
איך האָב נישט געזעטיקט מיינע אויגן
מיטן הימלבלאָ
אין אילת.

— — — — — — — — — — — — —

יום־כּיפּור
ווּ איז געווען גאָט?
ער הערט דען?

די אַקער־אייזנס
וועט מען איבערשמידען אין שווערדן...

## אין אַ שפּעטער שעה

כ'האָב עטלעכע מאָל די לולקע אויסגעזויגן,
דעם בלייער — מיט די ציין צעביסן,
פֿאַרשריבן בויגן נאָך בויגן
און פֿון האַרץ — שטיקער געריסן.

דער אומרו גריזשעט ווי אַ ראַק,
די ווונדן ווילן זיך נישט היילן.
ווער ס'האָט געשאַרפֿט דעם קוילערס האַק
דאַרף קיינעם גאָרנישט דערציילן...

# דערנער אויפן וועג

פאַר בינם העלער

נישט איין מאָל פרווו איך דעם מאָרגן דעריאָגן,
בעת מיין קאָפּ ליגט אויפן קישן ווי אַ שטיין.
מיינע צאַפּלדיקע ליפּן אַזאַ תּפילה זאָגן
צום שטויב וואָס וועט ווערן פון מיין געביין.

כ׳צווייפל, אויב גאָט וויל מיין תּפילה דערהערן —
כ׳בין מיט געצנדינסט צו לאַנג געווען פאַרבונדן.
אין שפּיגל זענען עדות די טרערן,
אין האַרץ — די נישט פאַרהיילטע ווונדן.

נישט יעדער סוף איז פאַרבונדן מיט סופן —
ווער ווייסט וואָס מיר איז נאָך באַשערט?
די דערנער, וואָס כ׳האָב אויף די וועגן געטראָפן,
האָבן מיינע טעג און יאָרן גענערט.

מאַי 1972

## איך לערן זיך שווייגן

איך לערן זיך די חכמה פון שווייגן
און ביים די ליפּן מיט די ציין.
כאַפּ אַ בליק אין שטורעם אויף די צווייגן —
וועסטו קלאָרער מיין שווייגן פאַרשטיין.

דו וועג נישט — די וואָגשאָל קאָן נאַרן.
דער זשאַווער איז שטאַרקער פון שטאָל.
ווי אַ דאָרן מיינע פּים זאָלן דאַרן,
אויב כ׳וועל גיין אינעם שפּאַן פון אַמאָל.

אויפן וואָרט־יאַריד קרעכצט שוין דער וואָגן.
די פליגן קריכן צום אויער.
מען נעמט שוין דאָס מאַמע־לשון באַקלאָגן —
און איך בייג דעם קאָפּ און באַדויער.

מאָרגנס שטערן שיינען נאָך אויפן דאַך,
טוביהם טענות וועט גאָט נאָך דערהערן,
און באַנטשע האָט געקריגן אַ שפּראַך —
פרצעם פינטעלעך — פון זיין האַרץ די טרערן.

מאַי 1976

## אַ חשבון

איך בין יאָרן געווען אָפּגענאַרט,
דעם שקר אויף די ליפּן געלאָדן.
אויף דער פרייַ בין איך געווען ווי פאַרשפאַרט
און אין בלאָטע האָב איך זיך געבאָדן.

די אויגן געווען זענען בלינד,
די אויערן נישט געוואָלט האָבן הערן.
דער חשבון איז מיר קלאָר שוין אַצינד —
איך טראָג אים, ווי אַ פּאַק אַ שווערן.

מיינע יאָרן איך האָב נישט געהיט,
אויף הפקר איך האָב זיי צעזייט.
ביזן סוף וועל איך פילן דעם שניט,
וואָס האָט מיך מיטן אמת צעשיידט.

יוני 1976

## חרטה

שווער זיך צו באַפרייען פון די יסורים.
די חרטה
לאָזט זיך נישט מעסטן און וועגן.
כ׳וואַש פון זיך די בלאָטע
פונעם בלוטיקן רעגן,
וואָס האָט פאַרווישט די סימנים
פון די קברים.

אַן אָפּן אויג קאָן זיין בלינד,
אַ שטאַרקער גוף — צעבראָכן.
געוואָרן איז אַ וווּנד
פון דעם תּוך פון די תּוכן.

## דעם מסורס מאַמע

זי האָט אויפגעציטערט, דריי מאָל אויסגעשפּיגן,
און טרויעריק פאַרצויגן אַ תּחינה-ניגון.

אוי, פאָטער אין הימל! פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרשעמט?
דעם מסור האָב איך דאָך געהאַלטן אויף די הענט.

די שלאַנג האָט דאָך מיין בריסט, מיין בלוט געזויגן.
ווי וועל איך איצט פאַר מענטשן ווייזן די אויגן?

וואָלט שוין בעסער זיין ווען איך געבער אַ שטיין,
אָדער יונגערהייט צו זיין לוויה גיין...

פאַמעלעך נעמט זי אויסטאָן זיך די שיך
און אַרויסשלעפּן דאָס בענקל פון ווינקל אין קיך.

דערנאָך פאַרהענגט זי שפּיגל נאָך שפּיגל,
שטעלט אונטערן קראַן דאָס צעשטשערבעטע קריגל.

ווי נאָך אַ לוויה גיסט זי אָפּ האַנט נאָך האַנט
און צינדט אָן אַ ליכט אין אַ שערבעלע זאַמד.

* * *

איך בין מקנא די טויטע וואָס לעבן,
נישט די לעבעדיקע וואָס זענען טויט.
די לעבעדיקע, מיט זייער גיריק שטרעבן —
וויפל דורותדיקייט האָבן זיי אויסגעבויט?

אויב פאַראַן איז ווונדער, ווי גרויס די צאָל?
פאַריתומטע בלייבן מיינע פינגער.
די אייביקייט פונעם גורלדיקן אַמאָל
געבליבן איז אין ניגון פון די זינגער.

## שאַגאַליש

חתן-כּלה שוועבן איבער דעכער.
אינעם בוים-שאָטן שעפּסעלעך דרימלען.
דעם וויין פֿונעם חופּה-בעכער
פֿאַרזוכן מלאכים אין די הימלען.

אַ פֿידעלע הענגט צווישן די טרויבן.
אַ פֿייגעלע האַלט ס'מיילעכל אָפֿן.
גאָטס שמייכל רוט אויף די שויבן:
צוויי געליבטע האָבן זיך געטראָפֿן.

ס'שטעטעלע איז פֿון דער נאַכטיקייט באַפֿרייט.
אַן אַלטיטשקע ביים שטיבעלע ווי אַ גענעץ.
אַ וואָלקנדל ווי אַ בערגעלע קרייד
ביים קוימען קרישלט זיך ווי אַ פֿענעץ.

די זון באַגלייט דעם פּאַסטעך צום ברונעם:
מסתּמא וועט זי אויך שעפּן אַ טרונק.
אויף אַ גינגאָלד-וואָלקנדל איז די זון געקומען
אינעם פֿרימאָרגן, ווי דאָס ציגעלע יונג.

מנחם-מענדל מיטן שירעם שפּאַנט איבער דעכער,
ווי ר'וואָלט געזוכט אַ שידוך פֿאַר „פֿישקע דעם קרומען”,
אויב שאַגאַל איז פֿאַרפֿלויגן „אויב נישט נאָך העכער” —
פֿעלט מיר פֿאַר זיין בילד איצט אַ נאָמען.

## צו א.ג.ק.

> ווער עס שרייבט פֿאַרנעפּלט, זאָל
> זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס:
> אָדער ער נאַרט זיך אַליין, אָדער
> ער וויל אַנדערע נאַרן.
>
> **סטענדהאַל**

איך בין עקשנותדיק, פֿאַרביסן:
דרייצן מאָל געלייענט דיין ליד,
דיין חכמה זיך געוואָלט דערוויסן.
צו הילף גענומען
אַ חבר, אַ דיכטער,
אַ צווייטן און אַ דריטן.
אין פּירן זענען מיר געשטאַנען,
ווי אַן איבערגעקערטער שליטן,
וואָס דאָס פֿערד אין גאַלאָפּ
האָט אין אַ סלופּ
צעשמעטערט זיך דעם קאָפּ.
איצט לאָזן מיר דיך גריסן:
— אפשר וועט גאָט
דיין גרויסן סוד
זיך אַ מאָל דערוויסן?...

## די בייטש

אַ בעל־עגלה דאַרף אויך האָבן אַ קאָפּ,
אויב ער איז אַ פאַרפאַלענער כעסן.
אַ פערד וואָס פלאַטערט אין גאַלאָפּ,
טאָר מען צו פיל נישט שמייסן.

זיין בייטש האָט כמעט נישט גערוט:
„אַ פערד וועט אַ דעה מיר זאָגן?"
און איין מאָל, צוריק פון יאַריד —
האָט ער זיך געשפּאַנט אינעם וואָגן...

## צוויי ברידער

צוויי ברידער האָבן פאַר גאָט קרבנות געבראַכט,
האָט ער איינעמס קרבן אָנגענומען
און פאַרן צווייטנס — די הימלען פאַרמאַכט,
ווי פאַר אַן אָפּפער א טומאהן.

ווער האָט איין ברודער פאַרשעמט,
געפייניקט מיט קנאה און צאָרן?
דער צייכן, וואָס אויף זיין שטערן ברענט,
באַקלאָגט דעם אַנדערנס יאָרן.

## אַן ענטפער

אויף דיין ענטפער
לאַנג געוואַרט.
נישט איך
בין געבליבן גענאַרט.

נאָענט איז אַ חבר־ברודער,
אויב אַפילו ווייט פון מיר
אויף טויזנטער מיילן.
גרענעצן
זענען מיר פרעמד.
מיט אַ מענטש אַ ליבן
בין איך גרייט צו טיילן
דאָס לעצטע העמד.

נישט אויף שאַלן, נישט אויף מאָסן,
מיין טבע
מעסטן און וועגן.
שאַטנדיקע פאַרוואָסן
כ׳וועל נישט זאַמלען,
נישט טראָגן
אַנטקעגן.

עוולות האָבן אויך פליגל.
מ׳דאַרף זיי אַ מאָל פאַרשווייגן,
אויב מ׳האָט זיי נישט גערן.
אַ שטאַרקע פלייצע
וועט זיך נישט בייגן
פון אַ פּאַק
אַ שווערן.

אויב נאָר אַ זשמעניע גאָלד
מ׳זיפּט אויס פון אַ באַרג ערד —
די מי
איז ווערט.

איך לייען נאָך אַ מאָל דיין בריוו.
מיין אויער איז וואַך
און טויב
פון נישט ווען הערן.

— — — — — — — — — — — — —

מיין ענטפער
איז אפשר נישט קלאָר געשריבן
(נישט דער ערשטער חסרון אין מיינע בריוו).
דאָס נישט דערזאָגטע
איז געבליבן
ביי מיר אין האַרצן
טיף.

## חשבון

דעם אָנדענק פון מיין שוועסטער מ ל כ ה,
מיין שוואָגער ח י י ם
און זייערע זיבן קינדער,
וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דייטשישע מערדער

ס'ברענט אין מיר דער צאָרן,
ווי דער דאָרן,
וואָס איז נישט פאַרברענט געוואָרן:
ס'האָט אַ זון פון מערדער-פאָלק
דעם זעקסמיליאָניקן קבר פאַרשעמט
און מיט בלומען
איז ער געקומען
ריינוואַשן דעם קין-נאָמען.
אין אַלע געטאָס
האָט אויפגעוואַכט דער פלאַם;
אין הייליקן לאַנד
דער זכּרון איז געשפּאַנט:
פאַר וואָס נישט פאַרהיט
פון דער בושה-בראַנד?

איך זע דעם רוצח
אויף יעדן דייטשישן פּנים —
אַפילו ווען ער ברענגט מיר בלומען.
און ווען פון מיין געביין
וועט נישט בלייבן שוין קיין שפּור —
פון מיין ייִדישן זכּרון
וועט נישט געמינערט ווערן
קיין טראָפּן פונעם צאָרן.

## אויפֿן קרוינקאָפּ

איך פּרוּוו פֿאַריאָגן פֿונעם געדאַנק,
וואָס אַרמסטראָנג־אַסטראָנאַט
האָט געטראַכט
ביים ערשטן טראָט
אויפֿן קרוינקאָפּ — די נאַכטזון.

וועט מען בענטשן
אָדער שעלטן?

זיין הייסער אָטעם
אין דער לופֿטרער
האָט פֿלוצלינג זיך פֿאַרהאַלטן:

„...צאַרנט אויף מיר גאָט,
וואָס איך האָב די ערדישקייט
אַהערגעבראַכט?
וועט זינקען מיין גוף
אינעם בראשיתדיקן שטויב
און ווי נאָך אַ שטיין
וועט בלייבן
אַ סימן
פֿון מיין געביין?

„אָ, בורא,
באַגלייט מיך אויפֿן וועג צוריק!
זיין זאָל מיר נאָך באַשערט
זיך צו בוקן
און קושן
דיין ערד!"

## צוויי אַלטיטשקע

צוויי אַלטיטשקע זענען אין פּאַרקעלע געזעסן
און איך האָב נאָענט זיך צוגעזעצט רוען.
פון מידקייט, אַ פּנים, איך האָב זיך פאַרגעסן —
מיין זייגער זשאַלעוועט נישט קיין שעהען.

דער אַלטיטשקער האָט דערציילט און זי — געשוויגן,
קוים־קוים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— דורכפאַלן זענען אויך זיגן,
בעת יאָרן לויפן אין גאַלאָפּ...

וואָס האָט איר דער זקן דערציילט?
מיין פּען וועט עס נישט אויסזאָגן.
כ'האָב שנעל פונעם פּאַרקל געאײַלט,
ווי ס'וואָלטן די רייד מיך געשלאָגן.

## צוויי פישערס

1

דער פוילער פישער האָט אויסגעטראָטן אַ וועג:
ער שלעפּט זיך צום שענקל טרינקען.
ער צעטרענצלט דאָרט אַ ים מיט טעג —
אין בייכיקע פלעשער פאַרזונקען.

ווער וועט דעם פישער זאָגן:
— שיכּור, די פיש וועלן זיך דאָך אויפפרעסן!...
אַ כוואַליע האָט זיין שיפל געטראָגן,
ביים רודער דער ווינט איז געזעסן...

2

אַ בלאָנדער יאָט, אַ וואַזשנער כוואַט,
צום שיפל איז צוגעשוווּמען,
אַהין אַריין, און גלייך און גלאַט
דאָס גאַנצע גליק אין טייך געפונען.

דער יונגער פישער אויפןברייטן טייך
ברומט אַ ניגון פון פישערשע געזאַנגען.
נישטאָ צו אים קיין פאַרגלייך,
ווי ר׳וואָלט ביים עק דעם לוויתן געפאַנגען...

# אַ ניגון

א. טאַבאַטשניקן

גלייב יאָ, גלייב נישט:
„אויף פּאָעטן זענען מענטשן".
ווען גאָט האָט געהונגערט אַ ליד
האָט ער פאַרבעטן דעם דיכטער בענטשן.

גאָט איז אפשר געבליבן זאַט,
ס'ליד איז אין גן־עדן געבליבן.
דער גאָט־געבענטשטער פּאָעט
אייביק הונגערט אַ ניגון.

## אַ שטרוי

אַ קעמל באַלאָדן איז געפאַלן אין מדבר,
ביים קאַקטוס אין דער שקיעה געצוואָגן.
איך קוק אויפן בילד און וווּנדער:
וויפל פאָדערט זיך, אַ פּלייצע זאָל טראָגן!

אַ פאַרלוירענער שטייט דער אַראַבער, ס'פּנים — אַשיק־גרוי,
ווי ביים געפאַלענעם קעמל וואָלט ער געפרעגט אַן עצה.
ער האָט מסתמא נישט געהערט די מעשׂה מיט דעם איבעריקן שטרוי,
וואָס האָט צעבראָכן דעם קעמלס פּלייצע...

## פראָסטיק

דאָס ביסל האָר, וואָס אויפן קאָפּ איז מיר געבליבן,
האָט אין מיין הויז דער שטורעם פאַרשנייט.
טיף אין מיר האָט אַ גאַסט זיך פאַרקליבן
און רעדט צו מיר שטילערהייט:

אויב פראָסטיק וועט ברענען דיין מוח,
וועט אין מאַי רוען אויף דיינע וויִעס דער ווינטער.
אַ מענטש מוז האָבן דעם כּוח
נישט צו מאַכן פון האַרץ אַ טינטער.

## דער ווערבעבוים

אַ צווייג פֿון באַיאָרטן ווערבעבוים
האָט, אַ מידער, צום וואַסער זיך געבויגן.
ביים ברעג דעם געלבלעכן שוים
דורכן צווייג האָט די ווערבע געזויגן.

אין דער קאָרע האָבן געפּלאַצט די טיפֿע קאַרבן,
שפּינען האָבן פֿאַרצויגן אַן אַ שיעור „בריקן".
אויך יונגע ווערבעס וועלן דאַרבן
אויב זייערע צווייגן אין זומפּן זיך קוויקן.

## אין האַפּן

כ'בין ווי אַ הוידנדיק שיפל געבונדן צום ברעג,
ווו ס'גליטשן זיך די ימיקע שטיגן.
איך באַגלייט דאָ די שיפן אויפן ווייטסטן וועג —
מיט די מעוועס אין כאָר מיין הונגעריקער ניגון.

די שיפן שווימען אַוועק, כוואַליעס קומען צוריק,
ווי אויך מיין אומרו וואָלטן זיי געטראָגן.
בין איך ווי די שיף, וואָס מ'האָט געשלעפּט היינט מיט שטריק —
וואָס דער שטורעם האָט איר נאָז צעשלאָגן?

## „פּעינטערס אָף אַ סקעפּאָלד"

מיין שוואָגער־ברודער גרשון ראָזענבלום

ווי אַקראָבאַטן ציִען זיי זיך אויף די שטריק
מיט פולע עמערס געמישטע פאַרבן,
הוידען זיך אויף רושטאָוואַניעס הין און קריק,
פאַרשמירן אויף געזימסן די קאַרבן.

הענגען פאַרבער, ווי פאָנען אויף מאַסטן,
און באַרשטן פלאַטערן אין די הענט,
און ס'מישט זון זיך מיט פאַרבן־קאָנטראַסטן —
פאַרב און זון צעלויכטן די ווענט.

## אַ מתּנה

זיין נאָמען וועל איך נישט דערמאָנען,
פרעמד איז מיר זיין פּנים.
אין דער כאַטע, וווּ זיין וויגל איז געשטאַנען,
געקלונגען האָט די ייִדישע שפּראַך.

זיין מאַמען געדענק איך פון דער היים:
זי פלעגט קריגן פון אַמעריקע בריוו,
זייער הויקערדיקע כאַלופּע, די ווענט פון ליים,
פון דרויסן נידעריק, אינעווייניק — טיף.

יאָרן זענען ווי טשוועקעס מיט זשאַווער,
ס'וועגדט זיך וווּ די טשוועקעס ליגן...
פּלוצלונג האָב איך באַגעגנט מיין חדר־חבר,
וואָס האָט זיך דאָ דערהויבן אויף געבעטע שטיגן.

ער האָט געקוקט אויף מיר, דעם מאָדנעם יאָלד,
פאַר דער מתּנה, וואָס כ'האָב אים געבראַכט:
„פאַר ,דזשוויש סאָנגס' האָסטו אַ סענט געצאָלט?" —
און זיין גווידער האָט מיטגעלאַכט.

אין זיין היים האָבן די ווענט זיך צעווייינט —
ווענט האָבן אויערן און אויגן.
געווים האָט זיין טיש זיך אויך פאַרשעמט
פאַר וואָס מיין קאָפּ איז געווען געבויגן.

די שטילע געסלעך זענען געווען שוין פּוסט,
ווען כ'האָב געשפּאַנט צו דער באַן מיילן
און געטוליעט די מתּנה צו מיין ברוסט —
מאָרגנערם לידער וועלן מיר די ווונדן פאַרהיילן.

1965

## זיין וואָרט

יעקב גלאַטשטיינען

ער ווייסט אפשר נישט אַז איך לעב,
נאָר פֿאַר מיר זיין וואָרט איז וווּנדער.
זעלטן ווי כ׳קאָן שטילן מיין זעט
און אויפֿן האַרץ — נישט גרינגער.

מקנא בין איך זיין חלפֿדיקע פּען,
וואָס טוט בליצן און פֿינקלען.
אויב גאָט וועט אים צעטיילן אויף צען,
וועט ער צוואַנציק פֿאַרטונקלען.

נאָוועמבער 1965

## ווּהין?

אַ מענטש קאָן אַנטלויפֿן פֿון אַלץ,
נאָר פֿון זיך — ווּ וועט ער אַנטלויפֿן?
דאָס זעקל אויפֿגעגעסענע זאַלץ
ווער וועט ביי אים איצט קויפֿן?

מען מוז שלום מאַכן מיטן געדאַנק —
יעקב איז אויך געלאָפֿן.
אים האָט אפֿשר אויך געטאָן באַנג,
וואָס עשׂו האָט אין וועג אים געטראָפֿן.

## געבוירן

דער מענטש איז שטאַרקער פון שטאָל —
אויף דעם וועל איך עדות זאָגן.
כ'האָב געזען פון אַ באַרג ווערן אַ טאָל —
אויף די הענט האָט דער מענטש דעם באַרג געטראָגן.

מ'האָט געריסן פונעם באַרג, געזוכט ווי אין אַ פּאַס,
אפשר האָט גאָט אַן אוצר דאָרט פאַרלוירן?
דער באַרג האָט געקרעכצט, און גאָר אַן אַ שפּאַס —
פאַרן מענטש אַ טאָל געבוירן.

## באָנטשע שווייג רעדט

(צום געבוירן־יאָר פון י.ל. פּרץ)

וואַרשע איז טויט,
נאָר דו ביסט אייביק געבליבן.
פֿאַר דיר האָט באָנטשע אַ הויז געבויט —
ביזן הימל גרייכן די שטיגן.

דו שפּאַנסט און ציילסט די זעקס מיליאָן טרעפּ,
און ס׳וויינט פון דיר אַראָפּ די שוואַרצע פּעלערינע.
לאַנג, לאַנג ביסטו שוין אַוועק
פון די קלאָגעדיקע ווענט אין דער גמינע.

געבליבן איז אויפן טיש דאָרט דיין נישט פאַרענדיקט ליד
מיט פינטעלעך ווי דיינע טרערן.
ביסט צעבראָכן, טויט־מיד,
פון דעם בראָך דעם שווערן.

באָנטשע שפּאַנט ביי דיין זייט,
„אויב נישט נאָך העכער" איך זע אייך שטייגן.
צום ערשטן מאָל ווי באָנטשע שרייט:
— איך וועל מער נישט שווייגן!

דו הייבסט אויף דיין לייבן־קאָפּ,
די אויגן, ווי מיט ליכט פון בורא.
באָנטשע שפּאַנט מיט דיר צו גאָט,
מיט אים האַלטן אַ דין־תּורה.

אַפּריל 1965

# יאָרצייט

אַלע זענען אַוועק —
די מאַמע
איז געבליבן
מיט די פיר ווענט.
די טרייסטן —
ברוכוואַרג פון אָפּגרונט.
דאָס יאָרצייטליכט טרערט,
ברעכט איר שאָטן אויף דער וואַנט.
איר זונס לעצטער בריוו
פון דזשונגל־לאַנד,
דער פאַרהאַנגענער שפּיגל,
דאָס פּוסטע בעט — —
די שטילקייט בעט — —
די שטילקייט שרייט,
מאָנט,
פרעגט,
רעדט.

אָקטאָבער 1969

## כראָניק 1972

זי זיצט בײַם פֿענצטער, ווי געלײמט.
די טרערן — אויסגעווײנט,
דעם צער — אײַנגעזאַפּט.
נישט דאַיִק
זי שווײַגט,
גאַפֿט,
קוקט נאָך די פֿאַרבײַגײער.
אין זיך האָט זי באַהאַלטן
א י ם
אין פֿאַרשידענע געשטאַלטן.
קוים-קוים זי באַוועגט
אירע טרוקענע ליפּן:
דוכט זיך, זי ציילט די יִנגלעך,
וואָס לויפֿן כאַפּן דעם באָל.
אַלע נעכטנס
לייגט זי אויף דער שאָל.
געבליבן איז זײַן צימער,
זײַן פֿאַריתומט בעט,
אויף דער וואַנט —
זײַן זעלנערשער פּאָרטרעט.

## דאָס נישט געשריבן ליד

מיט אַ שטיל־געשלאָסענעם שפּאַן
ביים וועג גייט אַ מיידל פאַרטראַכט.
ווי כוואַליעס פון רוישיקן ים
שווימען וואָלקנס מיט אָנקום פון נאַכט.

צום וואַלד האָט דאָס מיידל שפּאַצירט
און ביים שיידוועג שטיין געבליבן.
מיט די ביימער האָט דער ווינט דיריגירט
אַ ליד, וואָס איז נאָך נישט געשריבן.

„איר חתן האָט מען צוגענומען
פאַר פרעמדער ערד זיך שלאָגן.
צוריק וועט ער קיין מאָל נישט קומען,
קיין מאָרגן וועט פאַר אים נישט טאָגן.

„ביים בוים, ווו געזוכט זיך צו שיצן,
האָט אַ קויל אים אין האַרצן געטראָפן,
און געבליבן איז ער שוין דאָרט זיצן
מיט אויגן פאַרשטאַרטע, אָפן.

„ס'איז לאַנג שוין נאָך דער שלאַכט,
דער וואַלד איז מיט בלוט פאַרטרונקען.
דאָרט זיצט ער טאָג און נאַכט
אין הויכע גראָז פאַרזונקען...”

## נישט פֿאַרענדיקט

ווייט פֿונעם מאַרק בין איך שוין אָפּגעפֿאָרן.
כ'האָב אויסגעמיטן פֿון יאַריד דעם רעש.
זאָל איך איינפּאַקן אין אַ טאָרבע די יאָרן
און קוקן אויף זיי, ווי אויף אַ זשמעניע אַש?

אויף די וועגן ווו איך בין געטראָטן
וועלן בלייבן סימנים פֿון מיינע טריט?
וועט ערגעץ-ווו ליגן פֿאַרשאָטן
דער אָטעם פֿון נישט פֿאַרענדיקטן ליד?

# געבענטשט

מיין טייערן חבר משה שולשטיין

געבענטשט איז דער דיכטער מיט לידער,
וואָס זענען פון גאָטס ליפּן די נאָטן,
און פייער פון אַלע זונען —
אויפן הימלישן דאַך צעשאָטן.

און טיף ווי דער אָטעם פון ימען,
רייף ווי פון זאַנגען די קערן:
— געבענטשט איז דער דיכטער מיט לידער
וואָס קאָנען לייכטן ווי שטערן.

לידער, ווי פייגל אויף צווייגן,
וואָס היטן און שיצן די נעסטן.
געבענטשט זענען לידער וואָס שווייגן
און קאָנען מיט שטורעמס זיך פאַרמעסטן...

## ביים כותל מערבי

די סאַנדאַלן, וואָס איך האָב ביים כּותל געטראָגן
ווי אַן אוצר איך היט.
צוויי טויזנט יאָר געפּרוּווט כ׳האָב דעריאָגן
און פאַרהייליקט זייער שטויב אינעם ליד.

איצט רוען זיי אויף אַ האַנטעך־געבעט,
ווי וואַגלער פון אַ וויַיטן וועג געקומען.
ווען ווידער כ׳וועל קומען אין די הייליקע שטעט —
ביים כּותל מיינע פיס זאָלט איר דינען!

געבליבן בין איך שטיין דאָרט נשתּומם,
מיין צונג האָט געגליט אינעם גומען.
אויפגעטויכט האָבן די חדר־טרוימען,
וואָס כ׳האָב אויף דער וואָר ערשט באַנומען.

ביים כּותל — געשלאָסענע רייען מתפּללים
אין ריטמישן געוויג הכנעהדיק געבויגן.
פון פּסוקים און תּפילות פון סידור און תּהילים —
אַריבער דער וואַנט ווי אַ דאַך ווערט פאַרצויגן.

פויקט אינעם תּפילה־דאַך אַ שטערן־רעגן —
אין יעדן טראָפּן הער איך אַ קול:
— גרינען וועלן די מדבר־וועגן
און שפּראָצן וועט אויף יעדן באַרג און טאָל.

פון דער קופּערהויט אין זון צעבלענדט
האָבן זעמדעלעך און שטיינדעלעך גענומען זיך פאָרן.
דער מדבר האָט געקריגן אַ גראַזנהעמד
און ס׳האָט אָנגעהויבן צו בליִען יעדער דאָרן.

מיט יעדן קאַרב אין וואַנט ווער איך איינ‏יק,
ווי ס'וואָלט מיין בלוט אין די שטיינאָדערן פליסן.
איך ווער פלוצלונג פאַנטאַסטיש שטייניק —
און ווייטע שטערן קומען מיך באַגריסן.

לייכטער פונעם מדבר־ווינט שוועב איך אויף די פליגל —
אַט וועל איך דעם ווייטסטן פּלאַנעט איבעריאָגן.
דער הימלישער טויער מיטן גאָלדענעם ריגל
מאַכט אויף זיך פאַר מיר אינעם שטערן־וואָגן.

אויב דאָס איז אַ חלום — זאָל מיר קיינער נישט שטערן!
איך ווער אינעם חלום אויף שטיקער צעריסן.
די וואַנט, די געצוואָגענע אין דורותדיקע טרערן,
ווערט נישט מיד צו מאָנען ביי דער וועלט — געוויסן.

די שמאָלינקע קוויטלעך, ווי פעדערן פון טויבן,
אין די שטיינערנע שפּאַרעס ליגן באַהאַלטן.
זיי דערציילן פון בטחון און עקשנותדיקן גלויבן,
וואָס קאָן בערג און ימען צעשפּאַלטן.

מיין פּנים דערפילט דעם אָטעם פון דער וואַנט,
וווּ טרערן האָבן איינגעקריצט טיפע סימנים.
ווער עס האָט דאָ אַ רגע געזאַמט,
האָט אַ שטיק פון דער אייביקייט מיטגענומען.

סעפּטעמבער 1968

## אַ שטיין

כ׳וועל קיין מאָל נישט זיין מער אליין:
ביים כותל האָב איך אים געפונען —
דעם אַלטן, דעם הייליקן שטיין,
מיט צוויי טויזנט יאָר דורכגענומען.

כ׳האָב היינט מיט מיינע פריינד אים באַקאַנט,
זיין יחוס זאָל יעדער דאָ וויסן.
ער איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט
און יעדער האָט געוואָלט אים באַגריסן.

ווי תפילות געוועזן זענען די רייד,
וואָס דער שטיין פון די געסט האָט געהערט,
נאָר זיין שווייגן האָט יעדן באַגלייט —
אים האָט גאָט קיין שפּראַך נישט באַשערט.

בין איך שוין מער נישט אַליין
און גרינגער איז איצט מיין געמיט.
פון כותל דער הייליקער שטיין
געשענקט האָט דאָס דאָזיקע ליד!

# פון שטעטעלע אַ גרוס

## פון שטעטעלע אַ גרוס

1

כ׳שווייג מיט אַ שווייגן, וואָס קאָן ס׳האַרץ אַרויסשלאָגן.
אויף שויבן פּלאַצן טראָפּנס רעגן.
ס׳וואָרנט דער זייגער: באַלד וועט נעמען טאָגן...
דער אומרו אין מיר הערט נישט אויף צו פרעגן.

ווי אַן אָפענע ווונד ליגט פאַר מיר דער בריוו,
וואָס אָן אַ שיעור מאָל איך האָב שוין געלייענט.
כ׳האָב דערפילט דעם צער פון טיפסטן טיף —
פון אַ מענטש, וואָס האָט ביים שרייבן געוויינט.

דער מענטש פונעם בריוו איז מיר נאָענט און ליב —
זיין נאָמען און שטאָט מוז בלייבן דאָ פרעמד.
איך זע זיין פּנים אין די פינטעלעך פון מיין ליד:
די פּוילישע שפּיקעס האָבן לאַנגע הענט...

2

אין שטעטעלע געווען איז שוין דער דריטער פּאָגראָם,
ס׳האָט געהאָגלט מיט שטיינער אין די שויבן.
די נאַכט איז פינצטער געווען ווי אַ תּהום,
ווען זיי זענען געגאַנגען שלאָגן און רויבן.

איך זע נאָך ווי לאָזער דער קופּערשמיד
פאַלט ביי זיין שוועל מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן;
און ווי יחיאל־בער דער פרומער און הייליקער ייִד
גייט אוים אָן אַ וואָרט פאַרן שטאַרבן.

און כאַסיע לייזער־שלומס, פונעם עפּל־סטראַגאַן —
מ׳פלעגט איר רופן „די וויסטע אַלמנה״ —

איר האָט צעשלאָגן אַ רייכער פּאַן —
איר לעבן איז אויך אין סכּנה.

מאַטלען דעם שטעפּער האָבן זיי ווי אַ שעפּס געבונדן
און אַלץ ביי אים אין הויז צעבראָכן און צעשטאָכן,
און דערנאָך האָט זיין כאַטע אונטערגעצונדן
סטעפּאַן דער שוסטער — זיין פּוילישער שכן...

3

איך לייען דעם בריוו מיט אַן אַנגסטיקן פיבער —
די מענטשן פון שטעטל — כ׳געדענק זיי נאָך גוט.
איך פיל זייערע וווּנדן אין מיינע גלידער —
עס קאָן נישט שווייגן זייער בלוט!

## מײַן פּאַספּאָרט

א

מיט קײן זילבערן לעפעלע האָט מען מיך נישט געבאָװעט,
װי אַן אױג אין קאָפּ נישט געהיט.
כ׳געדענק: די מאַמע האָט מיטן „חמץ־לעפל״ די סאָפּקע געסקראָבעט,
אין שפּאַרעס די װאַנצן מיט אָקריפּ געבריט.

דאָס צעװאַלגערטע שטרױ — אױסגעלופטערט אין װינט,
ס׳געבליבענע בינטל מיטן האַנטפלאַך געגלעט:
געדענק, זונעלע, מײַן טײַער קינד,
בײַ די פּאַנעס פֿױלט נישט קײן שטרױ אין בעט.

אױף איר יונגן קאָפּ האָט גרױקײט זיך געקליבן,
די זאָרג — אירע האָר שיטער געקעמט.
אױף אײביק איז פּאַר מײַנע אױגן געבליבן
אונדזער טיש, װי אַ בעטלער אױף קוליעס, פֿאַרשעמט.

די מאַמע האָט געשװיגן, מיך געטוליעט אין אַ שמאַטע,
איר טרער האָט מײַן פּנים געגליט.
— מאַמעשי, דערצײל מיר די מעשׂה פֿון דער כאַטע
מיט װאַרעמע ברױטן פֿון יאַריד.

פֿאַרגעס נישט דעם משולח מיטן פּישוף־שטעקן,
װאָס קאָן באַקן זעמל אין אַרבל פֿון כאַלאַט...
כ׳װעל מיטן אַרבע־כּנפֿות ס׳פּנים פֿאַרדעקן,
װעלן אַלע אין שטוב באַלד װערן זאַט.

ב

דער טאַטע האָט געטראָגן אַ זעלנערשן מונדיר.
אױך זײַן װיג איז געשטאַנען אין פּױלן.

זיין לעבן — אַ פֿאַרמאַכטער געשוויר —
מיך ברענט נאָך, ווי הייסע קוילן.

מיר זענען אין קעלער געלעגן באַהאַלטן.
די מאַמע האָט מיין עלטסטע שוועסטער אין אַ באַבע גרימירט.
דורך די קעלער־ווענט האָבן געדונערט די געוואַלטן —
אין שטעטל האָבן די רוצחים די הענט צעפּירט.

ביי אונדזער שוועל — אַ האַלערטשיק[1] מיט דער קאָקאַרדע;
פֿון זיין קלאַפּן וועט די טיר זיך באַלד שפּאַלטן:
— העי, זשידאָווסקאַ מאָרדאַ,
ווו האָסטו די טאָכטער באַהאַלטן?!

דער טאַטע זינקט אויפֿן בענקל פֿון עטלעכע ציגל,
ווי ר׳וואָלט שבעה געזעסן אין די צעלעכערטע זאָקן.
די מאַמע טיילט אוים די לעצטע טראָפּנס וואַסער פֿון קריגל
און מלכּה, מיין שוועסטער, איז צום טויט נאָך דערשראָקן.

ג

די שטיבלעך אין געסל האָב איך נישט דערקענט,
ווען כ׳בין פֿון קעלער אַרויסגעקראָכן.
ס׳האָבן די פֿעדערן מיינע באָרוועסע פֿיס געברענט,
ווי נאָדלען די פֿינגער געשטאָכן.

דעם יידן האָב איך געטראָפֿן זיצן ביים שוועל,
זיין טונקל־גרויע באָרד איז ווייס געוואָרן.
דער כאַלאַט אויף זיין גוף, ווי אַ פֿאַרבלוטיקטע פֿעל,
וואָס דער היצעל, סטעפּאַן, וואָלט אין בלאָטע פֿאַרלאָרן.

---

1 זעלנער פֿון גענעראַל האַלערס דיוויזיע, וואָס האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט אָנפֿאַלן אויף יידן און רייסן יידישע בערד.

משונהדיק פלאָנטערט די באָבע מיט דער צונג,
ווי אַ זקנה, וואָס איז אַראָפּ פון זינען.
דער זיידע הייבט אויף דעם קאָפּ: — טשעפּע נישט, מיין קינד,
זי וועט נאָך צו זיך קומען...

דורך אויסגעבראָכענע פענצטער פאַרהענגלעך פלאַטערן אַרויס,
ווי פון חרובע שיפן — פאַרסמאַליעטע פאַנען.
מיין שטעטעלע רוזשאַן, אויפגעדעקט און בלויז,
צוויי טעג און נעכט אין שרעק איז געשוואומען.

דאָס בית-מדרש איז פול מיט פּל-נדריקן געיאָמער:
נישט יעדן קרבן האָט חברה-קדישא דערקאָנט.
אַ צעמזיקטער ליגט הערש-דוד דער שטומער,
זיין טויט פּנים ביים אָרון-קודש חשבון מאָנט.

ד

פון שטעטעלע מיין פינגערהוט האָב איך ביז היינט פאַרהיט,
ביים העלדזועלע די לעכעלעך — פון צעבראָכענע נאָדלען סימנים...
מיין צוועלפטן זומער האָב איך פאַרנייט אין אַ שניידערליד,
וואָס וועט קיין מאָל אין מיין בלוט נישט שטומען.

אַנטקעגן מיר — דער בלייכער אָפּערייטאָר האָט „געשאָסן",
דוכט זיך, ר'האָט געשלונגען פון מיינע באַקן דעם קאָליר.
כ'בין גרייט געווען שווערן: מאָרים ראָזענפעלד איז דאָ געזעסן,
אַן עדות — די גראַטעס אויף דער פייכטער טיר.

די „דרי נייטאָרינס" מיט די נאָדלען אין משונהדיקן געוועט,
ווי איך, ביים „זינגער-קעפּל" דעם קאָפּ געבויגן.
באַנטשע שוויַיג וואָלט דאָ אין שאָפּ הויך זיך צערעדט
און אפשר וואָל ער אויך צו אַרבעט דאָ טויגן.

שימעלע סאָראָקערס געזעלן געווען וואָלט דאָ דער שנעלסטער פרעסער,

זיין צאָרן האָט ווי דאָס אייזן געגליט.

אָנקל מאָזעס — גרעבער ווי גרעסער —

וואָלט מיך זייטיק געמאָסטן, מיינע פינגער געהיט.

עדלשטאַט און באָוושאָווער זענען הינטער מיינע פלייצעס געשטאַנען:

זייער ירושה האָבן מיר אין די שעפער געהיט.

דער „בלייכער אָפּערייטאָר" האָט נישט געדאַרפט מיך דערמאַנען

צו פאַרטשעפן אין די נעט מיין „שרייענדיק" ליד...

## ביים ברעג

כ׳געזעגן זיך מיט דער שיף, וואָס שווימט איצט אַוועק,
ווי כ׳וואָלט געקומען אַ געליבטע באַגלייטן.
כ׳בין דאָ אַ נישט־געבעטענער גאַסט ביים ברעג —
געקומען פון גאָר ווייטסטע ווייטן.

די שיף, וואָס האָט מיך אַ מאָל אַהער געבראַכט,
איז געווען מיין צווייטע וויגל.
היינט חלומט זיך מיר נאָך פון שיפן ביי נאַכט —
און אין דער פרי זע איך אַ פרעמדן אין שפּיגל.

## אין יענעם טאָג

פול איז געווען מיין שטעטעלע מיט ווינטן.
געסלעך און דעכער — באַפּודערט מיט שניי.
דער פראָסט האָט אויף שויבן געמאָלן בלומען־בינטן
אין טאָג ווען כ׳האָב דערהערט, אַז רוסלאַנד איז פריי.

יאַנקל שניידער האָט די נאָדל געשטעקט אין כאַלאַט,
אָפּגעווישט מיט דער האַנט אַ טרער פון פרייד
און פון שעניק אַרויסגעשלעפּט דאָס אומלעגאַלע בלאַט,
ווי אַ בלאַנקע שווערד פון אַ שייד.

נישט אַלע ווערטער האָב איך דעמאָלט פאַרשטאַנען,
וואָס ער האָט דעם ווייב און מיר דערקלערט.
כ׳האָב געוווּסט נאָר: קיין קייסער איז מער נישט פאַראַנען —
אַז מ׳האָט אים געשיקט — „מיטן קאָפּ אין דער ערד״.

און שפּעטער איז די נאָדל פון די פינגער געשפּרונגען,
געטאַנצט האָט יעדער שטאָך אויפן געוואַנט.
ביים נייען און פּרעסן האָט יאַנקל געזונגען״:
„נישטאָ ניקאָלאַי און פריי איז דאָס לאַנד!״

גערופן האָט מען אים „יאַנקעלע סיבירער״ —
די קייטן האָבן אָפּגעגריזשעט זיין רעכטן פוס.
ער איז געווען אין שטעטעלע דער פירער,
אַ סאָציאַליסט אַ האַרטער, ווי אַ נוס.

ביי נאַכט האָבן גלעזלעך געקלונגען
און ס׳פלעשל איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט,
און איך האָב מיט אַלע געזונגען:
— „נישטאָ ניקאָלאַי און פריי איז דאָס לאַנד!״

## פון יענע טעג

קאַלט און שטום איז אין צימער,
ענדלאָז שלעפּן זיך די סעקונדן.
פאַרן שטיק גערויבטן זומער
געגעבן האָט מען אונדז — ווונדן.

דער טאַטע ליגט מיט אַ פאַרבונדענער באַק,
אַ שטיק באָרד איז מיט דער הויט אויסגעריסן.
מיין ברודערל זוכט אין ליידיקן זאַק:
אפשר איז פאָרט נאָך געבליבן דאָרט אַ ביסן?

ס׳קראַנקע קינד ביי דער מאַמעס ברוסט,
יעדע רגע ווערט איר פּנים בלאַסער.
מיט איר האַנט וויל זי פאַרהאַלטן דעם הוסט,
און פּלוצלונג הייבן מיר אָן שרייען: וואַסער!

רייטער זענען צום הויז צוגעריטן —
מיר קענען שוין גוט אָט די געסט.
טריט פון זעלנערישע פּאַדקאָוועס — חלף־שניטן —
איז מיין שווייגן אין פּחד פאַרפּרעסט.

אין קעלער דאָס וויגל אַראָפּגעטראָגן
און ס׳ליכטל אַפילו נישט אָנגעצונדן.
געוואָרנט האָט יעדעס שפּעלטעלע אין לאָדן,
זיך געשלעפּט האָבן ענדלאָז די סעקונדן.

* * *

כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן
דעם שימלדיקן טעם
פון פאַרדאַרטן ברויט
און נישט דעם פחד־דראָזש
ביי יעדן ביסן —
אַז עס זאָלן די האַלערטשיקעס
פון אונדזער בידנעם לעבן זיך נישט דערוויסן.
מיר האָבן אין קעלער זיך פאַרקליבן,
זיך געטוליעט צו די טוכלע ווענט
און שטיגן,
ווי ס׳טוליען זיך סוף זומער צו פענצטער
פאַרחלשטע פליגן.

כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן
די ווערעם, די לאַנגע,
אין צעפוילטן שטרוי
ביים קראַנקן שוועסטערל אין וויגל,
און נישט דער מאַמעס ציטערדיקע האַנט,
ווען צום פענעץ טרוקן ברויט
האָט זי די לעצטע טראָפּנס וואַסער,
ווי דעם טאַטנס פאַרשעמטע טרערן,
אונדז צוגעטיילט
פון צעשטשערבעטן קריגל.

כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן,
ווי מיין שוועסטער, די עלטסטע,
האָט זיך אָנגעטאָן
אין די קליידער דער מאַמעס

און ס׳פּנים דאָס שיינע
מיט פּייכטן קעלערשטויב גרימירט —
אַז כ׳האָב זי קוים דערקענט.

כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן
צירעלען די דאַרינקע,
אונדזער שכנס איין־און־איינציקע טאָכטער,
וואָס מ׳האָטביים שיידוועג,
ווי אַ צלם איז געשטאַנען,
געפונען צעשלאָגן, געשענדט.

## אויגן

די אויגן שפּיגלען אָפּ די נשמה פונעם מענטשן —
אַזוי פלעגט מיין מאַמע אָפּט מאָל זאָגן.
כ׳זע זי מיט די הענט אויף די אויגן ביים ליכט־בענטשן
און אייביק וועל איך איר ברכה אין האַרצן טראָגן.

צעשראָקן זענען געלעגן די צוויי קליינע חלות,
דער טאַטע פלעגט אויף צען חלקים זיי צעשניידן און צעטיילן.
די לאָדנס האָבן אפשר פאַרשטעלט אין שטוב דעם דלות,
נאָר די ליכטלעך פלעגן דורך די שפּאַרעס דעם אמת דערציילן.

## מיין מאַמעס ניגון

נישט יעדע מוזיק וויל איך הערן,
נישט יעדעם ליד איז געזאַנג.
פון מיין מאַמעס ניגון אין טרערן
אין זיך כ׳האָב פאַרנעסטיקט דעם קלאַנג.

ער גייט מיר נאָך אויף די וועגן,
רעדט מיר צום האַרץ און פאַרשטאַנד.
ביים שרייבטיש טוט ער מיך רעגן,
אין אים בלייב איך תּמיד געשפּאַנט.

מיין מאַמעס ניגון אָן נאָטן
מאָנט שטרענג און אָן אויפהער ביי מיר:
— היט זיך, מיין זון, פון דעם שאָטן,
וואָס זוכט צו פאַרשטעלן דיין טיר.

סעפּטעמבער 1976

# ניו־יאָרקיש



## אויפגעכאַפּט

יעדעם נאַקעט צווייגעלע פון בוים
האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם לאַנגן דרימל.
דוכט זיך, די ליפּעלעך זיי עפענען קוים:
— גוט־מאָרגן דיר, פרילינגדיקער הימל!

זייט געבענטשט, וואָלקנדלעך, ווי שעפּסעלעך ווייסע!
נאָכן וואַנדערן קומט אויף אונדז רוען.
מיר ווען איך דערציילן אַ מעשׂה
פון פראָסט־טעג, וואָס פלעגן דאָ גליִען.

כ׳בין גרייט שווערן: כ׳הער אַ קול פון די צווייגן,
ווי גערעדט צו מיר וואָלט יעדער באַזונדער.
אין אַ שעה אַזאַ בין איך פאַרטיפט אין שווייגן
און פיל, ווי קנאָספּעס אָטעמען אויף מיינע פינגער.

## ביים בוים

געלע בלעטער לאַכן אונטער מיינע טריט:
„מיר האָבן שוין אָפּגעזוומערט".
איך — ווי אַ זקן מיד —
פון אַלע נעכטנס פאַראומערט.

כ׳קוק אויפן בוים מיט גולמדיקע אויגן.
אַ פרעמדער קאָן מיינען, כ׳בין אַראָפּ פון זינען.
די פייגל וואָס זענען אַוועקגעפלויגן,
האָבן מיך מיטגענומען...

## וואָס בלייבט?

אַ הויז מיט אָפענע פענצטער און טירן,
אַ חלום פון אַ צעפליגלטן דאַך.
איך הער, ווי די ווינטלעך פילאָזאָפירן:
— נישט בלויז בליצן ווײנען אינעם דונערקראַך.

און וואָס בלייבט איבער פונעם זוניקן גלי,
וואָס טרינקט אוים די פייכטקייט פון שאָטן?
און פון דעם געזאַנג פון די פייגל גאַנץ פרי,
וואָס וויגן זיך אויף די טעלעפאָן־דראָטן?

נישט דער הימל בלייבט מיט אַ חסרון
ווען זיינע בלויקייטן אויף כוואַליעס שוועבן.
אפשר ווייסט גאָט די חכמה פון די יאָרן,
וואָס דערגייען דאָס ביסעלע לעבן?...

## שטורעם

אין מיין גאָרטן טרינקען זיך די יונגע בלומען.
די פֿליוכעדיקע וואָלקנס מבֿלען מיט צאָרן.
די גראָזן און די סטעזשקעס זענען פֿאַרשוווּמען,
ווי דער ים וואָלט מיט מיר אַ מחותּן געוואָרן.

מיין בוים האָט פֿאַרלוירן דריי צעפֿליגלטע צווייגן.
זיי ציטערן, וויגן זיך אינעם וואַסער־שפּיגל.
דער בוים, דער זקן, האָט זיין קרוין איינגעבויגן —
די בלעטער, ווי אַרונטערגעלאָזענע פֿליגל.

איך ווייס נישט, צי גאָט האָט די זון באַהאַלטן.
די דונערס האָבן אַלע וואָלקנס צעבראָכן.
מיך שרעקן די כמאַרעס — גרויזאַמע געשטאַלטן —
אין נחת תּיבֿה וואָלט איך איצט פֿאַרקראָכן.

## נאַכן שטורעם

די זון האָט ווידער זיך אַנטפּלעקט —
אַ כּלה אין אַ חופּה־קלייד.
צום הימל כ׳האָב מײַנע הענט געשטרעקט
מיט אַ תּפֿילה באַגלייט.

זאָל געוועלטיקן די געטלעכע קרוין,
קיין מינוט פֿונעם טאָג נישט פֿאַרלירן.
בײַ נאַכט, די לבֿנה זאָל רוען אויף מײַן בוים
נאָך אירע לאַנגע שפּאַצירן.

און זײַן זאָל דער הימל בלוי ווי דער ים,
באַפֿרײַט פֿון אומרו און צאָרן.
אין הימל די שטערן וויפֿל זענען פֿאַראַן?
נאָר אַ שטערן ווערט נישט פֿאַרלאָרן.

## אַ בינטל שטערן

איוועז

ביסט געקומען
און מיטגעבראַכט אַ שטיק זומער,
ווי אַ פויגל־מאַמע —
אַ קערנדל צום נעסט.
ציילנדיק די זילבן פון דיין נאָמען,
מיט די ליפּן צעמאַסטן
כ׳האָב דיין פּנים.
אַ בינטל שטערן
האָבן געטאַנצט אויף מיין שויב —
די נאַכט האָט אַזוי פיל זונען!
מיין אויסגעוויילטע טויב,
ווי פון נחס תּיבה
נאָכן מבול
ביסטו געקומען!

## די נאַכטיקייט אויף די שויבן

כ׳האָב ליב די נאַכטיקייט, וואָס שאַרט זיך אויף די שויבן,
און ס׳פּיעשטשענדיקע ווינטל אויפן דאַך,
די רייד פון די מאַמעס צו די יונגינקע טויבן,
וואָס נאָר שלמה האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך.

בלייב איך ביים פענצטער ווי צוגעשמידט
צו די שאָטנס, וואָס ווערן אויף די צווייגן פאַרלוירן.
אפשר וועט בלייבן די שורה פון דעם ליד,
ווי אין מיין גאָרטן — דער לבנהס געבוירן.

## פאַר וואָס?

די שורות ביימער אויף מיין גאַס זענען צעגרינט,
נאָר איין בוים האָט דעם סוד פון גרינען פאַרגעסן.
זיינע נאַקעטע צווייגן — משונהדיק צעקרימט,
ווי שטיין אויף איין אָרט וואָלט דעם שטאָם דערעסן.

די נעסט, די פייגל, באַרירן אים קוים,
אויך אין ווינט בלייבט ער שטיין אַ שטומער.
— פאַר וואָס האָסטו, בוים, באַשלאָסן זיך שיידן
מיט די זאַפטן פון פרילינג און זומער?

## אויפן ווינט

אויף אַ גאַס אַ שטילער, מיטביימער און בלומען,
מיט מיין הונט איך גיי אויף אַ לאַנגן שפּאַציר.
איך ריים פון זיך שטיקער, וואָס כ׳בין אַהער געקומען,
זען וואָס מ׳שלעפּט דורך אַ צעפּראַלטער טיר.

זיי וואַרפן די פּעק אין אַן אָרט נישט קיין ריינעם,
כּדי פּטור ווערן פון דער ירושה וואָס גיכער.
זיי ווערן זיך שוין נישט שעמען פאַר די „פּענסי״־שכנים
מיטן טאַטנס ביבליאָטעק — די זשאַרגאָנישע ביכער.

## צעבראָכענע פליגל

אויפן בוים אין מיין גאָרטן פוסטעווען נעסטן.
די לעצטע האַרבסט-שעהען האָבן די פייגל מיטגענומען.
דער שטורעם האָט מיט די צווייגן זיך פאַרמאָסטן —
די פאַרעקשנטע בלעטער ביזן לעצטן געפונען.

זיי פאַלן, ווי פעדערן פון צעבראָכענע פליגל,
אין דער בלעטערישער רויטקייט קרענקלעכע פלעקן;
זיי בלייבן ביים פלויט — אַ וויגנדיק וויגל —
אַ בינטל זונפעדעם פּרוּווט זיי פאַרדעקן.

די בלעטער, זיי טוליען זיך איינער צום צווייטן:
דער לעצטער בלאַט וויל אויך נישט שטאַרבן.
אין מיין גאָרטן, דעם קוים פאַרשנייטן,
ווי לאַנג וועלן נאָך לעבן די גרינע קאַרבן?

מאַכטלאָז איז די זון, זי האָט די זומער-כּוחות פאַרלוירן.
אין הימל די וואָלקנס, ווי אייזבערג אין ים.
פאַר מיינע אויגן ווערט דער ווינטערטאָג געבוירן
און האַלט מיך ביים פענצטער אין פראָסטיקן פלאָם.

פון די צעוויגטע צווייגן דער הילפלאָזער ציטער
מיין האַרץ און מיין נייגער מיט ווייטיק פאַרקלעמט.
אָ, בורא, ביסט פון יעדן גרעזעלע דער היטער,
פאַר וואָס האָסטו מיט נאַקעטקייט דעם בוים פאַרשעמט?

## די לעצטע רגעס

פון די הורבעס בלעטער
אין גאָרטן
האָט אַ פּאַטש געטאָן
אַ בלאַט
אין דער שויב —
אַ פלעק
איז דאָרט געבליבן.

די רעגן־טראָפּנס אויפן גלאָז
באַוויינען און באַקלאָגן.
איינער פון די ווינטן
וועט קדיש זאָגן.

דער טיש איז גרייט.
פון כּוסות קלינגט די פרייד.
אויף די לעצטע רגעס
הענגט דאָס יאָר.
מיר וואַרטן.
מיר היטן די ווייזערס —
נעגל
פאַרן אָפענעם אָרון.

1976—1977

## בענקשאַפט

די צווייגן פון די אַלטעביימער אויף מיין גאַס
אינעם קילן ווינטל קוים זיך באַוועגן,
ווי ביי מיין שוועל די טויב, מיט די שוואַכע פליגל.
די אויסגעצוואָגענע דעכער און שויבן,
זאַטע, פונעם פאַרעקשנטן רעגן,
בענקען, ווי איך, נאָכן זוניקן שפיגל.

די הורבעס בלעטער וואַרטן אויף קברים.
ווי מרה־שחורהדיקע זקנים די נאַקעטע ביימער,
זענען מיר ליבער פון מיינע נייע שכנים.
דעם בוים ביי מיין הויז — פונעם שטורעם די פלאָגן,
היימלאָזע פייגעלעך וועלן באַוויינען,
נאָר די זעג און די האַק וועלן קדיש נישט זאָגן.

די לעצטע כּוחות האָט דער זומער פאַרלוירן.
גרעזעלעך אין מיין גאָרטן וועלן עדות זאָגן.
אַ זיקנה איז באַפאַלן מיינע בלומען,
כ׳וועל נאָך זיי בענקען, ווי נאָך אַ געליבטערס פּנים.
איך ווייס: נישט העלפן וועט מיר דאָס באַדויערן —
זייער בליִונג אין די אויגן וועל איך טראָגן.

אָקטאָבער 1976

## זיי מאַנען אַ תּיקון

אויף די שויבן — פֿאַרבליבענע טרערן,
פֿון גוססדיקן רעגן די סימנים.
זיי ציטערן, האַלטן אין נישט־ווערן,
ווי אין שפּיגל — דער גענעץ אויף מײַן פּנים.

אויפֿן שרײַבטיש דער בויגן פּאַפּיר
מיט עטלעכע פֿאַריתומטע שורות.
זיי מאַנען אַ תּיקון בײַ מיר
און פֿרעגן וואָס וואָר און וואָס קלאָר איז.

נישט די פֿראַצע, וואָס האָט מיך באַזיגט,
נאָר די מידקייט פֿון געצוווּנגענעם רוען.
אין זיך כ׳האָב געזוכט אויף צוריק
דעם אָפּגרונט פֿון ליידיקע שעהען.

## פאַרקלעמט

דער פראָסט —
ווי אַ שלאָס
מיט אייזיקע פינגער.
דער שטורעם
איז ווילד פון פאַרדראָס
און לעקט אונדז
מיט טויזנטער צינגער.

די שילדן איבער קראָמען
ליאַרעמען,
ווי צעלעכערטע פויקן.
דער ווינט
האָט באַזיגט זייערע שטאַנגען.
ביים סקווער
איז אַן עלעקטרישע רעקלאַמע
פאַר מיינע אויגן
זעלבסטמאָרד באַגאַנגען.

פון געזימסן די אייזליכט —
בריליאַנטן
פון זון געשליפן.
דער ווינט
מיט זיינע שאַרפע קאַנטן
חלפדיק שניידט
ביז די הונדערטסטע טיפן.

דער שניי איז אָנגעשיכּורט
און וויכערט,
ווי אַ צעבורעטער ים,
ווו גאַרנדיקע כוואַליעס

ווערן צעשפּאָלטן —
ניו־יאָרק אין ווייסבלויען פלאַם.
אַ דזשונגל אין פראָסט איינגעקלעמט.
די חיות
אין שנייהיילן לויפן
און וואָיען פון אימה פאַרבלענדט:
— מענטשן, מענטשן,
האָט רחמנות אויף אַ פעלעכל,
שענקט אַ העמד!

## פראַסטיקע פלעקן

אַ שורה פון אויטאָס אין שניי,
מיט געפרווירענע הערצער — מאָטאָרן.
איינעם איך גראָב פון דער ריי
און וואַרעם אים אָן צו דעם פאָרן.

אין תכריכים, אַזוי ווי אַ מת,
פאַרגליווערט איז ער דאָ געלעגן,
און איצטער וואַרט איך אויף אַ נס —
צו זען אים אויף זוניקע וועגן.

אויפן שייבל, פאַרקאָוועט מיט אייז,
איז פראַסטיק פאַרקריצט נאָך אַ בלימל.
איך קראַץ אָפּ פון גלאָז דעם שנייוויים —
אָט זע איך אַ פאַס פונעם הימל!

כ׳שלים אויף די פאַרקאָוועטע טיר
און ריים אָפּ די פראַסטיקע פלעקן.
איך וואַרט אויפן אויטאָס אַ ריר,
וואָס וועט פון דער טויטקייט אים וועקן.

יאַנואַר 1977

## פייגנבלעטלעך

די דאַמע אין שויפֿענצטער — חוה־נאַקעט.
מ׳ווּעט ניימאָדיש זי באַקליידן.
דער פּראָזשעקטאָר איר געטאָקטע פיגור צעפלאַקערט —
אַ פּאָזע־רעקלאַמע — אַ גרוס פון גן־עדן.

צו מאָרגנס בין איך ווידער דאָרט געשטאַנען —
אַ נייעם פּאַסאָן כ׳בין „באָרגן" געקומען.
אין זכרון האָב איך מיטגענומען
פייגנבלעטלעך מיט פראַנצויזישע נעמען.

## אויפן טעפּעך

די מאַסיווע „פּאַרניטשור" אין יעדן צימער,
ווי אויסגעבאַרגטע אַנטיקן פון מוזייען.
ס'פּראַסטיקט דאָ דער זומער,
ווי אויף הויכע בערג די אייביקע שנייען.

אויף די שפּיצפינגער טרעט די באַיאָרנטע דאַמע,
ווי דער טעפּעך וואָלט געלעגן אויף דינעם אייז.
איר כיטרער בליק מעסט מיך. זי פאַרשטייט מסתמא,
פאַר וואָס מיך באַשלאָגט אַ קאַלטער שוויים...

## אויף אַ געסל אין ניו־יאָרק

קונצן־מאַכערס ציִען שטריקלעך פון גאָלד —
בלענדענישן פון יצר־הרע.
געוויים בין איך אויך אַ יאָלד
צו זיין פאַר זיי אַ כּפּרה.

אויף דער בערזע האָט געהאַנדלט מנחם־מענדל —
שלום־עליכם אַליין איז אַן עדות.
דאָס קאַלב, וואָס איז געוואָרן פון אַ רענדל,
האָט שוין פאַרפירט מיינע חומשדיקע זיידעס...

## כ׳מייד אויס...

כ׳מייד אוים די אָפּיסטורעמס ביז די וואָלקן-הויכן —
ניו-יאָרקער גולמס, אָן פּענצטער, אָן שויבן.
די בויערישע זשעדנעקייט גרויסע רווחים צו גרייכן
האָט פון דער אַרכיטעקטור דעם מאַרך אויסגעזויגן.

אין די טורעמס זעט מען נישט דעם בייט פון סעזאָנען.
אַפילו ס׳אָטעמען — אין מאָטאָרן איז געווענדט.
פאַר וואָס זאָל דער שפּיגל פון זוניקן פּנים
אין מאָדערנער שטייג — פאַרן מענטש זיין פרעמד?

די בלינדע טורעמס פאַרמיאוסן גאַסן און סקווערן.
איך אַנטלויף פון קברים מיט נעאָן-ליכט-שטראָמען.
ביי די נאָרעם פאַר געפאַנגענע בערן
מער ליכט און פרייד געפינען קאָן מען.

אין די פּירקאַנטיקע קאַסטנס פון ציגל און שטאָל
פאַר אַ טראָפּן זונגאָלד האָט מען קיין אָרט נישט געפונען.
אויב אויף יענע דעכער וועלן דונערס לאַכן אַ מאָל,
וועל איך וויסן: נאָר די שטורעמס זענען ביים קלאָרן זינען.

1975

## אַ באַרג אויף די פּלייצעס

אַ שורה כאַטעס-קבֿרים אין אַ געסל.
קעפּלעך און פּיסלעך קוקן אַרויס פֿון די פֿענצטער און טירן.
כ׳בלייב שטיין ביי אַזאַ שטיבל — די גרייס פֿון אַ פֿעסל,
ווו אַ ייִנגל מיט צוויי מיידעלעך אַ מלחמה פֿירן.

אַרום דער אַרענע — אַ ראָד פֿון ווייסע און שוואַרצע קינדער.
זייער רוישן און זשומען — אַ מחנה הונגעריקע בינען.
דאָס ייִנגל קריגט דעם גרעסטן חלק באַוווּנדער,
נאָר דוכט זיך, די מיידעלעך האַלטן אין געווינען.

ווער האָט ביי וועמען דעם בייגל אַרויסגעריסן?
די קינדער קוקן אויף מיר מיט חשד און ווילן נישט זאָגן.
און איך — פֿון אַ ניו־יאָרקער געטאָ די גרוסן,
ווי אַ באַרג אויף די פּלייצעס כ׳האָב אַהיימגעטראָגן.

1975

## אַ הויז אין ניו־יאָרק

לעבן רווישיקן סקווער שטייט דאָס גרויע הויז,
ווי אַ זקן אין פֿאַרטייעטן דרימל.
די פֿענצטער צום גאַס — אַ גענעץ די גרויס —
דעקאָרירט מיט שפּינוועב און שימל.

האָרט ביי דער טיר — דריי הילצערנע טרעפּ,
ווי איבער פֿאַרטריקנטער בלאָטע אַ בריקל.
ווי אַ זעלבסטמערדער וויגט זיך דער „רום טו לעט"*
ביים זשאַווערדיקן שטאַנג אויף אַ שטריקל.

די צימער־קעסטלעך וואָס אין הויז איז פֿאַראַן —
קלענער איינער פֿונעם צווייטן.
עפֿנסט די טיר, איז צום בעטל אַ שפּאַן —
און דו בלייבסט ווי געקאָוועט אין קייטן.

דאָס לעמפּל אויף דער סטעליע — אַ בעלמיק אויג,
ס'האַנטעך אויפֿן טשוואָק — אַ פֿאַרשמירטע לאַטע.
די טריט אויף די טרעפּ שלאָגן אָפּ ווי אַ פּויק —
און ס'ציטערט די דריישטאָקיקע כאַטע.

און זעלטן די זון האָט דאָרט עפּעס צו טאָן,
אָפּטער אַהין קומט דער רעגן.
די לעבנס, וואָס צאַפּלען זיך דאָרט אינעם קאָן,
האָבן איינגעשטעלט זייער גאַנצן פֿאַרמעגן.

1936

---

* „רום טו לעט" — אַ צימער צו פֿאַרדינגען.

## פאַרדזשונגלט

מיך שרעקט אַ יעדער שאָרך און קלאַנג —
ניו־יאָרק איז פאַרדזשונגלט געוואָרן.
אפשר אין אַ געפּאַנצערטן טאַנק
וועל איך אויסלעבן די באַשערטע יאָרן.

אין גאַסן דער בליאַסק פונעם מעסער —
וועמען איז אַזאַ צופאַל פרעמד?
כאַפּט ש הענג אָן אויף די קעשענעס שלעסער
און די שליסלען קייטל־צו צו די הענט.

און פיר מיט זיך אַ הונט ווי אַ בער
און ער זאָל זיין דיין היטער,
און פאַרבאָרג הינטער אַ פּעלערינע אַ געווער
פאַר יעדן שאָטן, וואָס וועקט אין דיר אַ ציטער.

איך ווייס: ס'טויג אויף כּפּרות מיין פּלאַן
און ס'וועלן נישט העלפן קיין פּלענער —
און כ'מוז זיך היטן פאַר יעדן שפּאַן,
וואָס קאָן מיך מיטן מלאך־המוות באַקענען.

## אַ מענטש אויף דער גאַס

אין זיינע פּאָלעס ווינט דער ווינט.
זיין שימל-געדוך פֿאַרעיפּושט דעם טראָטואַר.
אַ זופֿ — און ס'פֿאַרזשמורעטע אויג צערינט.
איז דאָס פּלעשל אָנגעפּילט מיט זשאַר?

זיגזאַגיש שלעפּט ער די באָרוועסע פֿיס,
שטעלט זיך אָפּ, שטרעקט אויס די הענט.
אפשר איז זיין לעבן אים זיס?
איך — אַנטלויף פֿאַרשעמט.

## נאַקעטקייט

נעכטן, אין אַ יולי־טאָג — אַ ברענענדיקע היץ —
(שעפּער האָבן ליב, אַז מען שוויצט) —
בין איך געגאַנגען זיך קילן מיט אַ קופּעל ביר,
און נישט איבערקלייבעריש געעפנט די טיר.

אין דעם קילן באַר, מיט דער טונקלקייט פון פּאַר נאַכט,
האָבן טאַצן און פּויקן דונערדיק געקראַכט.
דער אָרקעסטער פון איין־איינציקן מוזיקאַנט —
אַ באַוואַקסענער בער מיט גלעקלעך אויף אַ האַנט —
צעוויגט אויפן קאָפּ די גאָרנדיקע קרוין,
וואָס קיצלט די בלעך־בלעטלעך אונטער דעם חופּה־בוים.
ער איז פלינק אין זיין זעלטענעם טאַלאַנט:
צאַפּלט זיך אויף איין אָרט און דוכט זיך — ער שפּאַנט.

אויף אַ טיש־בינע — דריי קינדער־מיידלעך אין אַ שלאַנגן־טאַנץ,
פון פּראָזשעקטאָר באַגאָסן מיט אַ גרין־רויטן גלאַנץ.
אַ רחמנות אויף זייערע יונגינגע בריסטן־טויבן,
וואָס קאָנען נישט אַוועקפליִען פון די ציגאַר־שטויבן.
זיי זשאָלעווען קיין לופטקושן און רופנדיקע בליקן.
די הענטלעך אויף די פייגנבלעטלעך — כּלומרשט צו דערשטיקן...
דער מענער־ראָד ביי די כּוסות הירזשענדיק פלאַקערט —
די נאַקעטקייט איז גראָשנדיק נאַקעט — —

און איך בין אַלטמאָדיש, און ס'ווילט זיך מיר ברעכן:
די מיידלשע שיינקייט אַזוי צו פאַרשוועכן?

אַ נס, כ'בין געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר:
זאָל אַ שיכּור אויסטרינקען מיין האַלבע גלאָז ביר.

יולי 1975

## לידער — קינדער

די לידער —
פאַר טאָוולוועגט אָפּגעקליבן.
כ'האָב גערעדט צו זיי,
ווי צו קינדער:
— אין שעפּער ביי די ניימאַשינען,
אין דמיון,
אייך געשריבן.
פון פנים די שווייסטראָפּנס,
איבער מיינע פינגער —
זענען גערונען,
געבליבן אויף אייך,
ווי סימנים.

פון בלאַנקענדיקער נאָדל,
פון שטאָלערנע ציין,
פון נערוון ווי סטרונעס —
געבראַכט אייך אַהיים.

לידער — קינדער!
נישט איך קאָן באַשטימען
ווער פון אייך ס'איז געראָטן.
ביי דער „קאַטערינקע"
(געווען נאָך יינגער)
האָב איך געמיטן די נאָטן
פון באַרימטע זינגער...

אויף רוישיקע סקווערן
געגליט האָט מיין שפּאַן.
גענומען פון גרייטן.
געטרונקען דעם סם,

געלייקנט דעם שטאַם,
געלויבט דעם גן־עדן אין קייטן...

לידער — קינדער!
צווישן טאָוולען — די ווענט —
בלייבט נישט פאַרשעמט.
עלטערט זיך
צוזאַמען
און באַזונדער.
אפשר
וועט געשען אַזאַ ווונדער:
ביי אַ ליכטל
מיין נאָמען
וועט עמעץ דערמאָנען.

1977

## אַ מענטש אַליין

דניאלן מיין זון

אין אַ שפּעטער שעה,
אַליין.
די ווייזערס
זענען אויך שוין מיד.
לייען איך נאָך אַ מאָל
וואָס כ׳האָב געשריבן,
מער איז נישט געבליבן:
אַ מענטש אַליין
איז ווי אַ שטיין.

די ליולקע אויסגעזויגן —
אַ טרוקענער ביין,
קיין ברעקל טאַבאַק נישט פאַרהיט.
כ׳מעק וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן.
ס׳איז קוים געבליבן
אַן אָנהייב פון אַ ליד:
אַ מענטש אַליין
איז ווי אַ שטיין.

פון שכנים הויז
טראָגט זיך אַ קינדס געוויין.
כ׳בלייב ביים טיש ווי געשמידט.
כ׳האָב שעהען לאַנג
געמעקט, געשריבן,
און אַלץ וואָס איז געבליבן
איז אַן אָנהייב פאַר אַ ליד:
אַ מענטש אַליין
איז ווי אַ שטיין.

מיין זון איז ווייט,
מסתּמא אויך אַליין.
אים אַ בריוו נאָר וואָס אָנגעשריבן —
די דאַטע געהיט.
אפשר איז נאָך געבליבן
אַ נאָמען פאַרן ליד:
נישט יעדער מענטש אַליין
איז ווי אַ שטיין.

21סטן מאַרץ 1965

## פאַרשניטן

נישט ווייט פון מיין היים
האָבן זיי דיביימער פאַרשניטן.
איך בין גרייט צו שווערן:
עס ציטערן נאָך זייערע שטאַמען.
היינט האָב איך יענע גאַס געמיטן —
איך וויל נישט אין די ביימער זיך דערמאַנען.

זייער שאָטן פלעגט די זקנים באַשיצן,
ווען די זון האָט די גאַסן צעברענט.
די שטיינבאַנק, וווּ זיי פלעגן זיצן,
פון זעג און האַק
איז געוואָרן פאַרשעמט.

זון און ווינט
האָבן פון ביימער
די הויט געשיילט.
באַנדאַזשן
וואָלטן פאַרלענגערט זייערע יאָרן.
דער צעפּלאַצטער אַספאַלט דערציילט:
שטיינדלעך האָבן אויך אַ זכרון.

6סטן נאָוועמבער 1969

## ביים פענצטער

אין מיין צימער איז שטיל — אַ פליגעלע כ׳קאָן הערן.
זילבער גיסט זיך אויף מיין שויב.
כ׳בין גרייט איצט שווערן:
די לבנה האָט פליגל פון אַ טויב.

געווים איז שולדיק דער צווייג פון מיין בוים,
וואָס האָט די לבנה צעשפּאָלטן.
אויב טרוימען — איז איצט מיין טרוים
די לבנה־טויב אויף די הענט האַלטן.

## אַ נאַקעטער בוים

כ׳דריי אַוועק דעם קאָפּ פון אַ בוים מיט הוילע צווייגן:
מיר דוכט, אַ מענטש שטייט אין גאַס נאַקעט.
ס׳באַפאַלט מיך אַ יסורימדיק שווייגן
און מיין פנים מיט קאַרבן ווערט צעאַקערט.

דער וועג צו מיין הויז ווערט מיר פלוצלונג פרעמד,
ווי כ׳וואָלט פון אַ ווייט לאַנד איצט געקומען.
כ׳בין גרייט דעם בוים שענקען מיין העמד
און זאָל ער אַ נאַקעטער, נישט ברומען.

## ביי מיין הויז

צעשאַטענע בריליאַנטן צעוויגן דעם הימל,
הויקערדיקע וואָלקנס יאָגן זיך אין געוועט.
אין דער שפּעטער שעה — די לבנה, ווי אין אַ דרימל,
פּלאָנטערט זיך אויף די צווייגן, זוכט אַ בעט.

כ׳שטיי ביי דער טיר מיטן שליסל אין האַנט,
אין הויז וואַרט היינט קיינער נישט אויף מיר.
די לבנה אויף די טרעפּ, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאַנט,
שאַרט זיך אוועק פון מיין אָפענער טיר.

# אָפּגעזומערט

## ביים טייך

נאַכט.
שטום דער אַרום.
כ׳בין אַוועק פונעם רעש.
אין צימער — די ליידיקע פלאַש,
די פען — אויפן בייגעלע פאַפיר,
דאָס נישט געשריבענע ליד — אין איר,
דאָס שיפל — צוגעבונדן צום סלופּ ביים שטיין.
די כוואַליעס אויף טרעפּ קומען צו גיין,
לעקן מיינע פיס.
ס׳וואַסער — סאַמעט און זייד.
מיט אַ וואָלקן פון שיפאָן
האָט די לבנה זיך באַקליידט.

די טרעפּ גליטשן זיך אַוועק
און קומען אָן צוריק.
זיי ברענגען מיר די שטערן,
וואָס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער דער בריק.
כ׳פּרוּוו זיי ציילן,
בלייב שטיין ווי צוגעשמידט:
אויפן שטילן טייך
שווימט אַרום
מיין נישט דערשריבן ליד.

סאָוט פאַלסבערג, נ.י., יולי 1966

# אין וואַלד

1

די ביימער יאָמערן אויף וואַלדיש לשון,
כ׳פיל פון די צווייגן דעם צער.
דער שאַרפער ווינט וויל זיי קושן —
אַזאַ ליבע אָטעמט מיט געפאַר!

האָבן די בליצן דעם הימל געשפּאָלטן?
וועט מיין שטיבל באַלד אָנהייבן שווימען?
אויב גאָט האָט דעם מבול באַהאַלטן —
פאַלט ער דאָ מיט אַ פאַרשטעלטן נאָמען.

2

אַ ברוינע וועוועריקע באַוווּנדערט מיין שרייבטיש:
אַ קעסטל אויף מאָכיקע ציגל.
מיט אַ פּיסל טוט זי אַ וואָנצע אַ וויש
און וויגט זיך אויפן צווייג, ווי אין אַ וויגל.

איך ווייס נישט פון וואַנען זי איז געקומען —
אין וואַלד פעלן נישט קיין געסט.
איך פאַרבעט זיי צו זיין אַ מזומן
און בענטשן זיי זאָלן מיינע קעסט!

3

דער פאַרמער קוקט אויף מיר מיט חשד,
פון זיין לולקע דער רויך — אַ פראַגע־צייכן.
זיין בליק בלאָנדזשעט אויף מיין כתב־יד:
„מיט דעם־אַ קאָן מען אַ האַרץ דערגרייכן?"

איך פרוּוו אים דערקלערן ליד נאָך ליד,
מיט ביימער אין וואַלד זייער שייכות.
פרעגט ער: „ווי קומט אַ ניו־יאָרקער ייִד
צום וואַלד מיט לידער און מעשׂות?"

4

די זון צעפֿלאַמט דעם גאַנצן וואַלד
און אַנטלויפֿט ווי פֿון אַ שׂרפֿה.
מיין שאָטן אַ צווייַג צעשפּאַלט —
דאָרט טריקנט זיך מיין העמד דאָס ווייסע.

מיטן טאָג געזעגן איך זיך אָן רייד.
אין אַ שעה אַזאַ איז מיין טבֿע — שווייגן.
די לבֿנה — אַ כּלה־מויד צו דער חופּה גרייט —
כאָטש גיי מיט איר טאַנצן אויף די צווייגן.

5

דורך די נעכט איך דערמאָן איר געשטאַלט,
וואָס איז שווער מיר פֿון זכּרון פֿאַרמעקן.
זי גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן אין וואַלד,
אירע פֿאָזעס פֿון שלאָף מיך צעוועקן.

אויף דער סטעזשקע, מיט באָרוועסע פֿיס
כ'האָב אויסגעשפּאַנט אָן אַ שיעור מיילן.
פֿון מיין האַרץ דער געהיימער ריס —
איז שווער מיט ווערטער צו דערציילן.

6

פֿון הימל, דעם פֿאַרפֿראָפּטן מיט שטערן,
צו מיין טיר אַ שטערן פֿאַלט.
כ'וועל וואַרטן ביז ס'וועט ליכטיק ווערן
און זוכן זיין זכר אין וואַלד.

אַ פֿאַלנדיקער שטערן, ווי אַ מענטש אָן אַן אַדרעס,
וואָס שיקט אַ בריוול צו זיך אַליין,
און וואַרט פֿאַרטרויערט, און בעט אויף אַ נס:
זיין תּפֿילה זאָל גאָט פֿאַרשטיין.

7

מיין שטיבל אין וואַלד, איינגעוואַקסן אין מאָך,
ווי אַ זקן, וואָס האָט זיין געבוירן־טאָג פאַרגעסן.
איך וווין דאָ אַ יאָרטויזנט — אַ גאַנצע וואָך,
מיליאָנען שעהען — מיינע איינזאַמע מעת־לעתן.

מאָרגן פאַר טאָג וועלן מיר זיך שיידן.
איך וועל מיטנעמען מיט זיך פון דעם וואַלד
די איינזאַמע שטילקייט פון גן־עדן
אין גיהנום פון רויש און געוואַלד.

## אויפן פעלד

פרענסיסן

פון ווייט דער באַרג — מיט גאָלד באַקליידט,
אין טאָל דער טייך — אַ שמאָלער שפּיגל.
ביים בוים איך הער אַ פויגל שרייט
און רופט מיט פאָכעדיקע פליגל.

— צי בענקסטו, פויגל, נאָכן וואַלד?
מיר ווילט זיך אויך דאָרט טאָן אַ קלעטער.
און אפשר איז דיר, פויגל, קאַלט
ווען דער ווינט צעוויגט די בלעטער?

איך וואָלט גענומען דיך אין האַנט
און דיך אָנגעהויבן גלעטן:
קום צום בערגל ברוינעם זאַמד —
אַ נעסט וועל איך דיר דאָרט אויסבעטן.

איך וועל אויך עסן דיר פאַרגרייטן
און וואַסער אין אַ קליינעם קריגל —
און דו וועסט מעסטן הויכע ווייטן
מיט דיינע יונגע, שטאַרקע פליגל.

## ביים ים

א

אַ כוואַליע טוט אַ קוש דעם ברעג
און לויפט אַוועק.

די זעלבע כוואַליע
וועט קומען צוריק?
מיין בליק
פֿרוּווט ציילן
די הימל-בלאָע
שורות
שוימיקע טרעפּ.

מיט ימיקן ניגון
מיינע אויערן ווערן פול.
ווער וועט די כוואַליעס פאַרוויגן,
אויב דער ווינט וועט ווערן שטיל?

ב

די יונגע זון
האַלט נאָך פאַרשלאָסן איר פייער.
אירע גאָלדענע פעדעם
זענען מילד
און טייער.

אַ נאַקעטער
פון שיפל איך שפרינג
און ברעך די כוואַליעס
רינג נאָך רינג.

אין לעבלעכן וואַסער,
קרישטאָלענעם בלאָ,
איך טויך
אַראָפּ
ביזן דנאָ.

די קילקייט ווערט שאַרפער,
ווי גלאָז נישט געשליפן.
פישעלעך קליינע
פּרוּוון מיט מיר שטיפן.

און מאָדנע געוויקסן:
זיי שווימען?
אָט דוכט זיך —
איך ווער פון זיי אַרומגענומען.

דער זאַלציקער טעם —
פייער אויף דער צונג.
איך שווים
מיטן פּחד
פון אַ מענטשן, וואָס זינקט.

מיין מוח ווערט פול
מיט סודות
פון ימיקע טיפן,
מיט זומפּיקע דנאָען,
מיט שליימיקע תהומען,
מיט געזונקענע שיפן,
וואָס שיקן סימנים:
אַ סלופּ,
אַ שטריק פון אַ מאַסט —

ברוכוואַרג
פונעם ים אויסגעהאָסט.

איך דערפיל דעם קאַלטן קלעם,
ווי דער ים
וואָלט מיר אָנגעטאָן אַ העמד. — —

ג

ווי אַ צויבער-מעשׂהלע די בלאַנקענדיקע געגנט
מיט זונפאַרפלייץ און גלי בלענדט.
איך בענטש דאָ די שעהען רעגונג —
ס׳גאָלד ווילט זיך שעפּן מיט די הענט!

ס׳זוניקע גאָלד פון די באַבוימטע בערג
גליטשט זיך מיט בליאַסק צום ימיקן ברעג.
דער צעגליטער ראָד פונעם בוראַם ווערק —
מיין שפּיגל אויפן געשלענגלטן שטעג.

ד

די זון געזעגנט זיך מיטן טאָג.
זי פאַלט אַראָפּ,
אַראָפּ,
ווי אַ שאָל פון דער וואָג.

דער זונשטראָם —
אַלע בריליאַנטן צעמאָלן —
וועט געניוג זיין
אָנצופילן
די טיפסטע טאָלן.

און איבער יעדן טאָל
וועט אויסוואַקסן אַ באַרג —
אַ וואָלקן
מיט אַ פּורפּורנעם קאַרק.
און וואָלקן צו וואָלקן —
אַ קאַרב אויף אַ קאַרב —
דער טאָג וועט פאַרגיין
אַ פאַרב נאָך אַ פאַרב.

אַ גבורהדיקער בראַנדקויל
זיך קייקלט, ווי אַ ראָד.
מיינע אויגן זעען
און ס'איז מיר אַ שאָד!

העמפּטאָן בעיס, יולי 1975

## פוןביידע זייטן

אַ צווייַג האָט איבערגעריסן די טעלעפאָן-דראָטן:
אין אַ שטורעם אַזעלכעס פּאַסירט.
די שטורעמס פייפן אויף נישט-געשריבענע נאָטן
און שפּילן אויף דעכער נישט גערימירט.

אין דרויסן איצט ליגן די דראָטן ווי שלאַנגען,
די האַרבסטיקע בלעטער הייבן אָן זיי פאַרדעקן.
מיר דוכט זיך: איך הער די איבערגעריסענע קלאַנגען
פון ביידע זייטן, ווו דאָס שווייגן נעמט שרעקן.

## שקיעה

ביים פֿאַרמהויז די בערג
זענען באַדעקט מיט גאָלד,
אַ פּאַס הימל
געהילט איז אין פֿלאַמען,
דער טאָל
האָט דעם שמאָלן טייך באַמאָלט
מיט שקיעה־ראַמען.

די ביימער אַרום די בערג —
ווי פֿייער־פֿינגער,
אַ ווייסער וואָלקנקנאָפּ,
ווי אין פֿלאַם אַ קופּע שניי,
ווערט צערונען.

די קאָלירן בלענדן מײַנע אויגן.
איך קאָן מיט זיי זיך נישט זעטן.
דאָס ליכט, וואָס כ׳האָב דאָ אַרײַנגעזויגן,
כ׳וועל נישט איין מאָל צום שרײַבטיש פֿאַרבעטן...

פֿון דער זון איז געבליבן אַ האַלבער ראָד,
אַ העלפֿט האָט די נאַכט שוין באַהאַלטן.
איך וועל דערציילן
אַלעמען אין שטאָט
ווו עס רוען
די געטלעכע געשטאַלטן.

**העמפּטאָן בעיס, 1975**

## אין אַ שיפּל געפאַנגען

א

נאָכן רעגן איז דער הימל קלאָר דורכגעבלויט.
די ווייסינקע וואָלקנדלעך שווימען צעריסן.
שוימיקע טרעפּלעך פון ווינטלעך באַגלייט
קומען אָן לייכטע מיין שיפּל באַגריסן.

ווייט פונעם ברעג, אין אַ שיפּל — אַ וויגל,
מיט אַ „שאַינער"[1] איך פּרוּוו איצט אַ פיש צו פאַרנאַרן.
דעם מאָטאָר פאַרשטומט, זאָל נישט ברעכן דעם שפּיגל —
נישט שיקן צו פיש פון געפאַר די סיגנאַלן.

פון מיין לולקע לויפן צעבלאָזענע פונקען.
ווי אַן אמתער פישער, כ'בין געדולדיק:
מיין בליק אויפן שטריק מיטן אַנקער געזונקען
וואַרט, ווי דער טייך אַ חוב איז מיר שולדיק.

כ'בין דאָ אַליין, נישט ווייט פונעם ים,
ווּ וואָלקנס, ווּ ביימער אויף בערג, אין באַגינען.
אויפן הימל איבערן שטעטל שרייבט אַן עראָפּלאַן —
די רעקלאַם-אותיות, ווי פון אייז, ווערן צערינען.

ב

די מעוועס, וואָס שוועבן מיין שיפּל פאַרביי,
זיצן אויפן טייך, ווי בערגעלעך שניי.

וויגן זיך ריטמיש, ווי פּוך אויף אַ שאָל,
מאָנען ביים טייך מיט אַ הונגעריק קול.

---

1 „שאַינער" — אַ פישעלע, לעבעדיק אָדער פאַרפרוירן, רעפלעקטירט אין וואַסער זילבער-גלאַנציק.

זיי מאַנען אַוודאי שפּייז אויך ביי מיר,
איך האָב פונעם שטיבל נאָר דעם שליסל פון טיר.

— ווייסינקע פייגל, כ׳האָב פאַר אייך גאָרנישט פאַרגרייט! —
נאָר זיי פאַרשטייען נישט מיינע יידישע רייד.

פייף איך צו זיי, ווי אַ מאָל צו טויבן אויפן דאַך,
נאָר זייערע אויערן איז פרעמד אַזאַ שפּראַך.

ג

נישט אומזיסט האָב איך שעהען אין שיפל געוואַרט —
דאָס „שאַינער״-פישעלע האָט אַ פיש פאַרנאַרט.

ס׳דערציילן די צעבראָכענע וואַסער-רינגען:
דער פיש האָט דעם „שאַינער״ מיטן האָק געשלונגען.

איך צי אים אַרויף — ער שלעפט צו טיפקייט צוריק.
מיין ווענדקע איז נישט פאַרצויגן מיט אַ שטאַרקן שטריק.

עקשנותדיק זיין באַגער איז דעם האָק צו צעקייען,
כ׳דערפיל זיין געראַנגל, דערפיל זיינע ווייען.

כ׳הער זיין געוויין אָן טרערן, אָן קלאַנגען,
פלוצלונג דערפיל איך — דער פיש האָט מיך געפאַנגען...

פון ים דאָ האָט פאַרבלאָנדזשעט דער ריזיקער פיש.
זיין געביין וועט נישט אויספעלן מיין געגרייטן טיש.

צעשיק איך אויף די כוואַליעס צו די פישער מיינע גרוסן:
דער נייגער פון פאַנג וועט נישט גריזשען מיין געוויסן.

פון מיין מעסער דעם שאַרף דער פיש וועט נישט פילן —
דעם געראַנגל אויף דער ווענדקע בין איך גרייט צו פאַרלירן.

העמפּסטאָן בעיס, 1974

## נישט פאַרשעמט

געבענטשט זיי, דאָרפישע רו,
וואָכעדיקער טאָג, מיין יום-טוב-אין-דער-וואָכן!
כ׳בין, ווי אויף פליגל, יעדע מינוט פון דער שעה —
אָן דעם עול פון די שטאָטישע יאָכן.

דער האָן האָט מיך צעוועקט פונעם זיסן שלאָף,
די הון מיט איר קוואָקען — געלאָזן מיך וויסן:
מיר וועט קומען אַ האַרבע שטראָף
פאַר נישט אויפשטיין דעם מאָרגן באַגריסן!

אין קיך שמעקט דאָס הייספרישע ברויט,
אין אויוון קאַרטאָפל זיך בראָטן.
צום טיש גרייט דעם פאַרמערס מויד
מיט זומער-שפּרענקלעך אויפן פנים צעשאָטן.

ס׳קומען די יאַטן, פאַרשוויצטע פון פעלד,
ווי דעמבעס — די זונפאַרברוינטע יונגען.
כ׳וואָלט קיין מאָל אַזאַ כאַר נישט פאַרפעלט:
דאָס קנאַקן פון ציין און פון לעפל דאָס קלינגען.

מיין אַפּעטיט וועט מיך נישט פאַרשעמען
ביי אַ טיש מיט פּאַטראַווע-מאַכלים,
נאָר איצט איז מיר שווער צו באַנעמען:
ס׳איז אַ סעודה מיט וועלף, צי אַ חלום?

זיי וווּנדערט, וואָס כ׳וווין אין ניו-יאָרק,
אין דעם גרויסן איבערקאָך-קעסל,
ווו ס׳ווערן גראָ קינדער פון זאָרג,
פון פחד אויף גאַס און אויף געסל.

איך ענטפער, כ׳שעם זיך נישט דערמאַנען.
ס׳איז נישט מיין נאַטור צו פאַרהוילן:
— מיין וויגל איז אין אַ כאַטע געשטאַנען,
אין אַ לאַנד — פאַרשאָלטן זיי — פוילן.

אַנטלאָפן בין איך פונעם געסל אין בלאָטע,
וווּ כ׳האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט.
באַגלייט האָט מיך דאָס רעווען „זשיד פאַרכאַטי״ —
דער קלאַנג אין מיינע אויערן נאָך איצטער גליט.

נאָר מיך ציט אַהער צו דעם ריח פון ערד,
וואָס צאָלט פאַר דער פּראַצע מיט פּראָצענט.
אָ, לאַכט נישט פונעם באַיאָרגטן שאַפפערד —
האָב איך אייער אַקער פאַרשעמט?

## אויפן פאַרם

אויפן פאַרם האָב איך געשווירן אין אַ בלאָען באַגינען,
מיט עקשנות שווייגן צו די ווייטסטע ווייטן:
אייערע שעפער מיט די זינגער-ניימאַשינען
אויף אַ טראַקטאָר כ׳בין איצט גרייט צו פאַרבייטן.

די מיילן, וואָס כ׳האָב אויסגענייט פון די שפולן פּאָדעם,
אַרומוויקלען געקאָנט כ׳וואָלט די וועלט,
און אויב כ׳וואָלט באַגעגנט דעם אָנקל אָדם —
פאַר חוהן קיין „דרעס" וואָלט אויך נישט געפעלט.

כ׳האָב געפּועלט ביים פאַרמער מיר טרויען דעם טראַקטאָר.
אין מיינע הענט בלאָנדזשעט נישט דאָס געקאַרבטע ראָד.
כאָטש גיי און דערצייל אים: איצט בין איך דער רעדאַקטאָר,
ווי נעכטן אין שאַפּ — פונעם סאַמעט די נאָט...

איך פיל אויף זיך איצטער די צענדליקער אויגן
און וווּנדער אַליין זיך אויף זייער פאַרוווּנדער.
כ׳האָב געמאָסטן דאָס פעלד מיטן סטעזשקע-בויגן
און יעדן בוים געהאַלדזט און געגלעט אים באַזונדער.

און אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון רייפע זאַנגען,
פון די שורות בינטלעך, וואָס איך האָב געשניטן —
וועל איך נעמען אַהיים די קאָסעם קלאַנגען,
פאַרן ניגון פון מיין ליד — אַ תּיקון.

## אָפּגעזוּמערט

די לעצטע בלעטער געזעגענען זיך מיט די צווייגן.
דער סאַד האָט אָפּגעזוּמערט.
די נאַקעטעביימער קוקן און שווייגן,
ווי כ׳שפּאַן אַרום דאָ פאַראומערט.

ס׳זינקען מיינע פיס אין הורבעס בלעטער.
מיין אָטעם — ווי כ׳וואָלט אויף אַ באַרג געקלעטערט.
כ׳וואָלט געקאָנט אָפּווינטערן אַ זאַטער,
ווען כ׳וואָלט אַ בליִענדיקן בוים אַזוי נישט פאַרגעטערט...

אויף אַ צווייג וויגט זיך אַ פוסטער נעסט.
אַוועקגעפלויגן איז די לעצטע שוואַלב.
אויך איך וועל זיך שיידן מיט דער דאָרפישער קעסט —
פאַרלאָזן דאָס שטיבעלע נאָענט צום וואַלד.

און ערשט נישט לאַנג האָט געלאַכט נאָך דער צוויט
און יעדער צווייג האָט געקריגן פליגל.
דער סאַד האָט דעמאָלט געבליט
און די זון איז געווען גאָטס שפּיגל.

דערנאָך האָבן די צווייגן זיך געבויגן צו דער ערד
און דוכט זיך, אין זאַפטיקייט געשווומען,
און מיר איז געווען באַשערט
צו פילן דאָס גליק אויף מיין גומען.

איך ביים איין די ציין אין אַן עפּל
און נעם זיך אַריין אין זכרון:
דעם בלי פון די ביימער, דעם נעפּל —
דעם ריח אויף אייביקע יאָרן.

# זאָג עס שטיל

## אָדם און חוה

וועז אין אַ זשמעניע ערד
אָדם האָט דערפילט
דעם ריח פון געביין —
האָט די ערשטע טרער
זיין פנים באַגילדט
מיטן גלוסט-באַגער
נישט צו בלייבן אַליין.

און גאָט האָט דערהערט:
אַ טיפן שלאָף אים באַשערט
אין גאָרטן פון עדן,
פון אַ ריפּ פון זיינע ריפּן
געפורעמט די פרוי,
און ס'איז נאָך נישט געוועזן דער טויט,
וואָס זאָל זיי צעשיידן...

## אין אַ זאַווערוכע

צי יאָגן זיך איצטער מיליאָנען פֿאַר פֿליגלען,
געטריבן פֿון מאָטאָרן מיט אַטאָמישער קראַפֿט?
און אפֿשר די בערג, ווי די גלאַנציקע שפּיגלען,
זיך האָבן דאָ פּראָסטיק צעלאַכט?

האָט ווען אַזאַ ווייסקייט די וועלט נאָך באַקליידט,
ווען עס קושט זיך דער הימל מיט דער ערד?
און דימענטן ווער האָט אַזוי פֿיל פֿאַרזייט
דורך שנייען פֿון וויוגעס פֿאַרמערט?

דער וועג איז דאָ פּוסט. אַ ליילעך אויף גראָז
דער שניי פֿאַרן פֿראָסט האַלט אין גרייטן.
האָט געגרינט דאָ אַ מאָל דער בוים, און דאָס גראָז
האָט געפּרוּווט זיך פֿונאַנדערצושפּרייטן?

האָבן פֿייגל אַ מאָל דאָ געבויט זייער נעסט?
האָבן לאָנקעס געאָטעמט מיט ריח פֿון היי?
האָבן קינדער געיאָגט זיך אַ מאָל אין פֿאַרמעסט
מיט די ערשטע פֿליטערלעך פֿרישענקן שניי?

דער ווינט איז דאָ איצטער אַ פֿלאַמיקער רייטער —
שניידט און פֿיילט און יאָגט אין גאַלאָפּ!
די כאַטע ביים בערגל ווערט ווייטער, ווערט ווייטער
און זינקט אין דער ווייסקייט אַראָפּ.

דער בוים אינעם אייז, ווי אין שטייפֿע מוסקולן —
מיט דער וויוגע אין שאַרפֿן פֿאַרמעסט.
דער שטורעם די בערג רייסט אַראָפּ צו די טאָלן,
וויל, דוכט זיך, פֿאַריאָגן גאָט פֿון זיין נעסט.

דזשאָנסטאַון, פּענסילוואַניע, 1946

## געטראָפן האָט שוין אַ מאָל

געטראָפן האָט שוין אַ מאָל,
אַזוי דערציילן די קאַלענדאַרן:
דער הימל שפּאַנט ביי דער ערד,
די לבנה רייט אויף צען פּאָר פערד,
און גנבים צעגנבענען די שטערן.

געטראָפן האָט שוין אַ מאָל,
אַזוי דערציילן די קאַלענדאַרן:
כוואַליעס, ווי צעגליטער שטאָל,
געאָטעמט האָבן מיט געפּאַרן.
דער הימל האָט העליש געברענט
און אין גינגאָלד געבאָדן דעם מאָרגן.

## איר שאָטן איז געבליבן

עס האָט אַ בליאַסק געטאָן אין מיין שויב
אַ גילדענער מעסער.
פון אונטער מיין דאַך
די אַנטלאָפענע טויב
וועט אפשר קומען צוריק.
נאָר איך בלייב קעמל-דורשטיק,
וואָס אין מיטן דער נאַכט
האָט זי די נאַכטיקייט אויסגעלאַכט.

צוויי ווערטער האָט זי אָנגעשריבן.
אין פאַרשעמטן פאָרהאַנג איז איר שאָטן געבליבן.
ליידיקט דער גן-עדן-בעכער —
אָפט די שטילסטע טרער שטורעמט העכער.
דער טעם פון וויין גליט נאָך אויף מיין גומען.
די צונג — דער עדות — טויט שטומען.
אין מיין פען באַהאַלט איך איר נאָמען.

## זאָג עס שטיל

זאָג עס שטיל,
דער דאַך זאָל נישט הערן:
ער איז יונג, דער אַלטער נאַר —
ער וויל ביזן לעצטן
ציילן די שטערן.

ווי אָדלערישע פליגל
זיינע צעשפרייטע הענט.
ביי זיין שוועל
ווערסטו נישט בלייבן פרעמד —
ער וועט דיך פאַרנעסטן אין שפיגל.

אויב דיין פנים דערציילט פון טרויער,
דיך זיין צאַרטקייט וועט אויסהיילן.
זיין האַרץ — אַ צעפראַלטער טויער,
נישט צו מעסטן, נישט צו ציילן!

ער איז תמיד גרייט, ווערט נישט מיד,
אַ האַנט אויסצושטרעקן.
זאָג עס שטיל
און אָפּגעהיט —
דעם אַלטן נאַר נישט צו וועקן...

## באַגעגעניש

צופעליק מיר האָבן זיך געטראָפן.
אירע אויגן האָבן מיך געמאָסטן, געגלעט.
איך האָב געשוויגן.
די באַן איז אַנטלאָפן.
אויפן וואָקזאַל-פענצטער
האָבן זיך געליבט צוויי פליגן.

די צווייטע באַן איז אָנגעקומען.
זי האָט געשאָנקען אַ לעצטן בליק.
איך שעם זיך זאָגן —
כ׳האָב פאַרגעסן איר נאָמען.
אויף מיין נאָז איז אַרויפגעפלויגן אַ פליג.

# די נאַכט איז אַנטלאָפן

1

ווען ס'מעסט מיך דיין בליק און וואַגסט נישט צו פרעגן,
זע איך דיינע ליפן — אַ צעעפנטן קנאָספּ נאָך אַ רעגן.
פלאַטערסט ביים טייכל, ווו דער ווינט האָט זיך צעלאַכט.
די ביימער דערציילן נישט די סודות פון דער נאַכט,
דערציילן נישט, ווי ס'שוויגט דאָ באַרג נאָך באַרג —
דוכט זיך, איינער זיצט אויפן צווייטנס קאַרק.

2

וואָס וואַנדערט דיין בליק? בענקסט נאָך דער שטאָט?
דאָ, אויף די בערג, האָט אויך גאָט גערוט.
איך הער אַן אָרקעסטער אין די וואַסערפאַלן,
ווען ס'גאָלדיקט דיין גוף אין די שקיעה־שטראַלן.
צום שטיבל ביים וואַלד נידערט די זון אַראָפּ.
מיט אירע גאָלד־פעדעם וועל איך באַקרוינען דיין קאָפּ.

3

מיין דורשט צעוועקט דיינע בריסטן־טויבן:
זייער ווייסקייט בלאַנקט דורך די געצוואָגענע שויבן.
אין אונדזער נעסט, אַ שפּאַן פונעם וואַלד —
האָט די שטילקייט פונעם נאָענטן באַרג זיך צעשאַלט.
די לבנה איז מיד פונעם בלאָנדזשען אַליין,
און מיר? ווּהין וועלן מיר דערגיין?

4

אַ יאָרטויזנט שוין ביסטו ליב מיר און נאָענט,
געבענטשט איז די רגע, וואָס וועגט מערער פון שעהען.
דעם קאַשמאַר פון נעכטן דו העלפסט מיר פאַרגעסן
און ברענג מיר די נייע און גאַנצע מעת־לעתן.
איך וועל זיי באַהאַלטן אויף שפּעטער און שפּאָרן —
איך וועל זיי געדענקען אין אייביקע יאָרן.

סאָוט פאַלסבערג, נ.י., יולי 1966

## פאַר ווען?

דוד המלכס תהילים:
„אַלצדינג האָסטו געלייגט
אונטער זייערע פיס" —
איז מקוים געוואָרן.
דעם שליסל צום קאָסמאָס,
צו די ווייטסטע זונען,
דער מענטש האָט געפונען.

געפונען —
און קאָן אים נישט באַהאַלטן.
די ערד וועט ער צעשפּאַלטן
אויף טויזנטער טיילן,
און אויב ערגעץ־ווו
וועט בלייבן אַ צונג —
פאַר וועמען, פאַר וועמען
וועט זי דערציילן?

## פון באַגינען

מיך באַפאַלן די פּיין און די שרעק,
ווען כ׳הייב אָן די יאָרן צו ציילן:
אויב איך שטיי שוין נאָענט צום ברעג —
איז זאָל ער זיך ציִען אויף מיילן!

פון ווייטן אַמאָל אין זכּרון
נישט אַלץ וויל איך איצטער געדענקען,
די דערנער פון קריג — יענע יאָרן —
אין ים בין איך גרייט צו דערטרענקען!

נישט איין מאָל דעם טויט כ׳האָב גענאַרט
אין נאָרמאַנדיעס שרעקלעכן פייער.
מיין שותּף אין „פּאַקס-האָל״ פאַרשפּאַרט
זאָל געבן זיין חלק צושטייער!

אָפט מאָל בין איך בייז אויף די שפּיגלען,
וואָס ווילן אָן אויפהער דערמאָנען:
— דער חלום פון אָדלערשע פליגל
איז לאַנג שוין פאַראַשט פון די פלאַמען!

— נישט אמת! איך וועל נאָך געפינען
די וועגן פון קיינעם באַטראָטן.
איך הייב אָן אויף ס׳ניי פון באַגינען
באַקרוינען די לידער מיט נאָטן.

# אינהאַלט

## שאָפּ

דאָס ניי־געבוירן קליינד . . . . . . . 9
שאָפּ . . . . . . . . . 11
איך און די ניימאַשין . . . . . . . . 17
אויף פּראָבע . . . . . . . . . 18
אין קלעם . . . . . . . . . 20
נאָך אַ הייסן טאָג אַרבעט . . . . . . . 21
סלעק . . . . . . . . . 22
צו שפּאַניע . . . . . . . . . 24
אין פּאַרק . . . . . . . . . . 25
יאָסל קאַטלער . . . . . . . . 26
דער לעצטער שפּול פּאָדעם . . . . . . . 27
אַ נייער מאָדעל . . . . . . . . . 29
ביים שרייבטיש . . . . . . . . . 30
*** (מיינע לידער נישט דערשריבענע) . . . . 31

## מלחמה

### „בעיסיק טרעינינג"

צו דיר . . . . . . . . . . 35
1. אין וואַלד . . . . . . . . . 37
2. אַ ביקס אין האַנט . . . . . . . . 38
3. פאַר טאָג . . . . . . . . . . 40
4. פייכטע בלעטער . . . . . . . . . 42
5. לאָטעס . . . . . . . . . . 44
ס׳לוינט נישט . . . . . . . . . 47
אויב . . . . . . . . . . . 48
אויף יאָגד . . . . . . . . . . 49
אין „פאָקס־האָל" . . . . . . . . 51
שלאַנגיש . . . . . . . . . . 54
ביים קבר פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט . . . . . 55

# חשבון


נישט אַלץ . . . . . . . . . . 59
אומרו . . . . . . . . . . 60
מיין גרוס . . . . . . . . . . 61
צו שפּעט . . . . . . . . . . 62
אויף מיין שויב . . . . . . . . . . 63
ווו איז גאָט . . . . . . . . . . 64
אין אַ שפּעטער שעה . . . . . . . . . . 65
דערנער אויפן וועג . . . . . . . . . . 66
איך לערן זיך שווייגן . . . . . . . . . . 67
אַ חשבון . . . . . . . . . . 68
חרטה . . . . . . . . . . 69
דעם מסורס מאַמע . . . . . . . . . . 70
*** (איך בין מקנא) . . . . . . . . . . 71
שאַגאַליש . . . . . . . . . . 72
צו א.ג.ק. . . . . . . . . . . 73
די בייטש . . . . . . . . . . 74
צוויי ברידער . . . . . . . . . . 75
אַן ענטפער . . . . . . . . . . 76
חשבון . . . . . . . . . . 78
אויפן קרוינקאָפּ . . . . . . . . . . 79
צוויי אַלטיטשקע . . . . . . . . . . 80
צוויי פישערס . . . . . . . . . . 81
אַ ניגון . . . . . . . . . . 82
אַ שטרוי . . . . . . . . . . 83
פּראַסטיק . . . . . . . . . . 84
דער ווערבעבוים . . . . . . . . . . 85
אין האָפן . . . . . . . . . . 86
„פּעינטערס אָף אַ סקעפּאָלד" . . . . . . . . . . 87
אַ מתּנה . . . . . . . . . . 88
זיין וואָרט . . . . . . . . . . 89
וווהין ? . . . . . . . . . . 90
געבוירן . . . . . . . . . . 91
באַנטשע שווייג רעדט . . . . . . . . . . 92
יאָרצייט . . . . . . . . . . 93
כראָניק 1972 . . . . . . . . . . 94
דאָס נישט געשריבן ליד . . . . . . . . . . 95
נישט פאַרענדיקט . . . . . . . . . . 96

געבענטשט . . . . . . . . . . 97
ביים כותל מערבי . . . . . . . . 98
אַ שטיין . . . . . . . . . . 100

## פון שטעטעלע אַ גרוס

פון שטעטעלע אַ גרוס . . . . . . . . 103
מיין פּאַספּאָרט . . . . . . . . 105
ביים ברעג . . . . . . . . . . 109
אין יענעם טאָג . . . . . . . . . 110
פון יענע טעג . . . . . . . . . 111
*** (כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן . . . . 112
אויגן . . . . . . . . . . . 114
מיין מאַמעס ניגון . . . . . . . . 115

## ניויאָרקיש

אויפגעכאַפּט . . . . . . . . . . 119
ביים בוים . . . . . . . . . . 120
וואָס בלייבט? . . . . . . . . . 121
שטורעם . . . . . . . . . . . 122
נאָכן שטורעם . . . . . . . . . 123
אַ בינטל שטערן . . . . . . . . 124
די נאַכטיקייט אויף די שויבן . . . . . 125
פאַר וואָס? . . . . . . . . . . 126
אויפן ווינט . . . . . . . . . 127
צעבראָכענע פליגל . . . . . . . . 128
די לעצטע רגעס . . . . . . . . 129
בענקשאַפט . . . . . . . . . . 130
זיי מאָנען אַ תיקון . . . . . . . . 131
פאַרקלעמט . . . . . . . . . . 132
פּראַסטיקע פלעקן . . . . . . . . 134
פייגנבלעטלעך . . . . . . . . . 135
אויפן טעפּעך . . . . . . . . . 136
אויף אַ געסל אין ניו־יאָרק . . . . . . 137
כ׳מייד אויס . . . . . . . . . 138
אַ באַרג אויף די פּלייצעס . . . . . . 139
אַ הויז אין ניו־יאָרק . . . . . . . 140
פאַרדזשונגלט . . . . . . . . . 141
אַ מענטש אויף דער גאַס . . . . . . 142

נאַקעטקייט . . . . . . . . . . . 143
לידער — קינדער . . . . . . . . . . 144
אַ מענטש אַליין . . . . . . . . . . 146
פאַרשניטן . . . . . . . . . . . 148
ביים פענצטער . . . . . . . . . . 149
אַ נאַקעטער בוים . . . . . . . . . . 150
ביי מיין הויז . . . . . . . . . . 151

## אָפּגעזוימערט

ביים טייך . . . . . . . . . . . . 155
אין וואַלד . . . . . . . . . . . . 156
אויפן פעלד . . . . . . . . . . . 159
ביים ים . . . . . . . . . . . . 160
פון בײדע זייטן . . . . . . . . . . 164
שקיעה . . . . . . . . . . . . 165
אין אַ שיפל געפאַנגען . . . . . . . . 166
נישט פאַרשעמט . . . . . . . . . . 168
אויפן פאַרם . . . . . . . . . . . 170
אָפּגעזוימערט . . . . . . . . . . . 171

## זאָג עס שטיל

אָדם און חוה . . . . . . . . . . 175
אין אַ זאַווערוכע . . . . . . . . . . 176
געטראָפן האָט שוין אַ מאָל . . . . . . . 177
איר שאָטן איז געבליבן . . . . . . . . 178
זאָג עס שטיל . . . . . . . . . . . 179
באַגעגעניש . . . . . . . . . . . 180
די נאַכט איז אַנטלאָפן . . . . . . . . 181
פאַר ווענען ? . . . . . . . . . . 182
פון באַגינען . . . . . . . . . . 183